קרית ברסלב בלעטל

שנה ה׳
נומער 201

פרשת ויגש · תשפ״ד




# יומא דהילולא קדישא
# רבי נתן זי״ע
## עשרה בטבת

דער רבי האט געזאגט: ״ווען נישט רבי נתן וואלט פון מיר נישט געבליבן א שמות בלעטל״.

(חיי מוהר״ן, סימן שע)

**איבער אלץ און אלעמען:**
אוויאציע און פליגערס



10

**די פרשה פון די וואך:**
מיט אנדערע ברילן



4

**הילולא קדישא:**



רבי נתן זי״ע
י׳ טבת תר״ה

18

# קרית ברסלב בלעטל

רעדאקציע:

מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ל. שיינער.

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
**718.387.2691**
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomi@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער אריינצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

**קול ברסלב: 212.444.9191**
**חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169**


## זמנים Liberty

ויגש י"א טבת תשפ"ד

הדלקת הנרות ........04:13
מוצאי שבת ........05:45

מנחה מעריב ויחי....05:30

## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 22 | 38°/23° | | Partly Cloudy |
| Sat 23 | 39°/26° | | Partly Cloudy |
| Sun 24 | 42°/27° | | Mostly Sunny |
| Mon 25 | 44°/30° | | Partly Cloudy |
| Tue 26 | 44°/35° | | Showers |
| Wed 27 | 42°/30° | | Rain/Snow Showers |
| Thu 28 | 39°/27° | | Snow Showers |
| Fri 29 | 38°/25° | | PM Snow Showers |






**די פרשה פון די וואך**
גוט אנגעדרייט
4


**שטעטל נייעס**
באזוך פון סעלישער רב שליט"א
6


**היכל הקודש נייעס**
סיום ירושלמי סדר זרעים, והתחלת סדר מועד
7


**געדאנקען**
א שידוך ביים האדסאן ריווער
12


**מיט א טיפערן בליק**
קאווע אין ברסלב
22


**אין גראמען**
אדער זיך בייגן אדער זיך לייגן
28



מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב

**מו"ה ישראל יוסף שניצלער הי"ו**
**וזוגתו נחמה תחי'**
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט



מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב

**מו"ה שמשון הערש טייטלבוים הי"ו**
**וזוגתו רבקה חנה תחי'**
**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

בריוו צו די

# רעדאקציע

## איבער מקרב זיין מיט א טעלער טשולענט

לכבוד די חשובע מערכת פון קרית ברסלב בלעטל

קודם כל א גרויסע יישר כח, מיר זענען זיך מחי' וועכנטליך מיט די הערליכע און תוכן'פולע בלעטל, יישר כח.

אין איינע פון די לעצטע וואכן איז געשטאנען א מעשה אז מען האט אריינגערופן ביים ראש ישיבה אינדערהיים אין שטעטל אביסל א שוואכע איד און אים מכבד געווען מיט א טעלער טשולענט און אזוי אים מקרב געווען צו אידישקייט.

דאס האט מיך דערמאנט פון א מעשה וואס איך האב לעצטענס געהערט:

עס איז געווען ביי איינע פון די סטאלינע רבי'ס, דארט האט מען זיך געפירט אז יעדע וואך שבת אינדערפרי נאכן דאווענען פלעגט זיין א קידוש און דער רבי האט געזאגט תורה, און מען האט געטיילט טשולענט דארט פארן ציבור.

די חסידים האבן באמערקט אז יעדע וואך קומט אריין איינער מיט לאנג באוואקסענע האר, ער קוקט בכלל נישט אויס ווי א איד, ער עסט א טעלער טשולענט, און ער גייט זיך ארויס, די חסידים זענען געווארן זייער אויפגערעגט אויף אים "וואס הייסט?! דא איז נישט קיין ווערצהויז, ער קומט זיך סתם דא עסן טשולענט?! ער בלייבט אפילו נישט צום רבי'נס תורה, א געפערליכע חוצפה" און זיי האבן מחליט געווען אז זיי גייען אים זאגן אז מען קען נישט דא סתם קומען עסן טשאלענט.

אבער ווי געטרייע חסידים, פאר מען טוט עפעס זענען זיי געגאנגען פרעגן דעם רבי'ן וואס דער רבי האלט דערוועגן, דער רבי' האט צו זייער שטוינונג געהאלטן פונקט פארקערט "נישט נאר מען זאל אים נישט פארשיקן, נאר פארקערט מען זאל אים מער מקרב זיין".

די חסידים האבן פארשטייט זיך געפאלגט און די קומענדיגע וואך ווען דער מענטש איז געקומען, האט מען אים שיין אוועקגעזעצט, און ווען ער איז פארטיג געווארן מיטן ערשטע טעלער, האבן זיי אים מכבד געווען מיט א צווייטע,

אויטאמאטיש אז ער האט שוין געגעסן מער, איז ער שוין געבליבן לענגער, אויסגעהערט די תורה און צוביסלעך, מיט וואס א וואך מער איז ער געווארן מער און מער נתקרב, ביז ער האט גענצליך תשובה געטוהן און געווארן א פולקאמער בעל תשובה!

א גרויסע יישר כח נאכאמאל פאר אייער הערליכע ארבעט!

א.ג.פ.





# די פרשה פון די וואך

מיט אנדרו ברילן

עס פעלט זיך אויס א דרייסקייט... ניין? אודאי וואס רעדסטו ער גייט אריין אין לייבן גרוב, עס איז נישט געווען קיין פשוטע החלטה, ער האט געוויסט אז עס קען זיין עס גייט קאסטן זיין לעבן, די לעבן פון זיינע ברודער, און עס קען ברענג־ען א סוף צו די גאנצע משפחה.

מצרים איז נישט געווען עפעס א קליין לענדל, און די משנה למלך דארט איז נישט געווען עפעס סתם א פאפיט, עפעס א פרעזידענט צו וואס מיר זענען היינט צוגעוואוינט, עס איז געווען ווען וועלט איז נאך געווען וועלט, פאר איין נישט ריכטיגע ווארט האסטו פארשניטן דיין לעבן. נו אבער יהודה האט גענומ־ען די דרייסקייט, ער איז געווען גרייט על החיים ועל המוות, ער האט צוגעטרעטן צום מצרישע פירער מיט די שטרענגסטן טאן, ער האט אים קלארגעשטעלט אז דאס מאל מיינט ער ביזנעס. עס איז זיכער אז יהודה איז נישט געווען פארזיכערט מיט די אקט וואס ער האט געטון, אריינלייגן 'זיך' און 'זיינע ברודער' אין א מלחמה, אבער עס איז נישט געווען קיין ברירה, ער האט נישט געמאכט קיין חשבונות, ער האט אריינגעטאנצן דערין, און די פייער האט זיך אנגעהויבן, צוריק גייט עס שוין נישט, די רגע וואס האט ער געפאכעט מיט די פויסטן צום וועלטס פירער, איז ער געווען גרייט פאר א פולשטע־נדיגע קריג. און נישט א קריג מיט עפעס א קליין לענדל ווי שכם וואס דאס איז אויך נישט געווען קיין פיקניק, מען רעדט פון מצרים איינס פון די גרעסטע אימפעריעס אויב נישט דער סאמע גרעסטער.

מיר ווייסן שוין די סוף פון די מעשה אז עכט עכט איז עס נישט געווען קיין קעניג עכט עכט איז עס געווען יוסף, סאוי ווען מיר גייען צו צום פרשה זענען מיר העכסט רואיג, ווייל מיר ווייסן אז עס גייט נישט אויסברעכן קיין מלחמה עס גייט נישט זיין קיין קריג. עס איז דאס לעצטע שטרוי' וואס האט נאך אנגעהאלטן יוסף'ן פון זיך אנטפלעקן פאר זיינע ברודער, דאס איז די גאנצע, אבער יהודה האט דאס נישט געוויסט. ווען עס האנדלט זיך ווען פון א ריכטיגע מושל בכיפה א דיקטאטאר, ווי די אנדערע וואס האבן געהערשט אין יענע צייטן, איז עס באמת א געוואגט־קייט באמת א דרייסטקייט, יהודה מיט די שבטים זענען געווען גרייט אויף'עס סעגסטן, ער האט נישט געוויסט אז דא קומט א קליין נאדל וואס גייט באסטן דאס גאנצע באלאן, ער איז דא געשטאנען גרייט מיט אלע ברודער צו ווערן גע'הרג'עט און אריינצוציין אין א ערנסטע קאנפראנטאציע מיט מצרים.

מיר קענען זיך פראבירן אויסצו'דמיונ'ען וואס עס וואלט טאקע געווען ווען די מעשה איז טאקע אזוי ביז אהער, אבער עס איז באמת א קעניג וואס האט זיי געוואלט צופיקסן, און דא קומט יהודה ארויף און שרייט אז ער איז גרייט אויף קריג, וואס וואלט געווען די ריאקציע, מען וואלט אפשר איינגעשפאנט די מיליט־ער, עס וואלט זיך אנגעהויבן שלאכטן, אדער וואלט מען אנגעהויבן פארהאנדלונגן, קוק אהער למעשה האט ער גע'גנב'עט פון קעניג, מען קען עס נישט אזוי אריבערלאזן, בקיצור ווי אזוי עס וואלט זיך ווען

געקענט אויסקאכן ווייסן מיר נישט, און מיר קענען נישט ווייסן, מען קען עס נישט צוגלייכן צו סדום וואס זיי האבן זיך געגרייט זיי האבן געהייסן מל'ן זיך, און נאכדעם ווען יעדער איז געווען שוואך האבן זיי אויסגע'הרג'עט די גאנצע שטאט, אין פארגלייך צו א שטארקע לאנד וואס עס איז גאר נישט געווען אראנדזשירט, מיר וועלן לאזן דעם עולם דמיונ'ען ווי אזוי דאס וואלט זיך געקענט אויסשפילן.

איז יעקב, די שבטים, בנימין, יהודה זענען אלע אויף די העכסטע אלערט, מען איז אריין אין די שווערסטע סיטואציע וואס איז נאר מעגליך זיך פארצושטעלן, מען זעט נישט די וועג ארויס, עס זעט אויס ווי בנימין בלייבט אין מצרים, אדער א קריג, אדער איך ווייס נישט וואס, די צרה איז עד לב השמים. יעקב ווארט יעדע מינוט מיט ציטער אינדרעהיים צו הערן וואס עס האט זיך אויסגעקאכט פון דעם צודרייטן מושל וואס האט זיך אנגעטשעפעט אין זיינע קינדער, בנימין איז אין תפיסה, די שבטים זענען קאמפס גרייט אנטקעגן א לאנד.

א שטילע קול שרייט ארויס "אני יוסף - איך בין יוסף", דאס איז עס די גאנצע באלאן האט אויף איין רגע געפלאצט, אלעס איז געווארן אויס, אלע פלענער אלע גרעדעכצער, אלעס אלעס איז פלוצלינג אנטרינען געווארן, עס איז אויס נערוועז אויס קריג, די פויסטן זענען פלוצלינג פארשווינדן געווארן, די פלענער זענען אראפ פון טיש, גארנישט! גארנישט! אני יוסף נו! דאס איז עס! איר קענט צאמפאקן אלע פעק איר קענט שוין גיין, עס איז א שפיל די גאנצע זאך.

העלאו! וועק דיך אויף דאס איז א לעקציע פאר דיר פאר דיין לעבן, די זיצט ביי דיר אינדרעהיים מיט ציטער מיט שרעק, וואס גייט דא זיין? שלום בית איז נישט דא, קינדער זענען פארכאפט ביי די נישט גוטע, דער יצר הרע האט מיר בא'גנב'עט אלעס אלעס, איך זע נישט קיין שום האפענונג חוץ אויב איך גיי טון עפעס גאר דראסטיש, איך מאך פלענער פון דא ביז ווייסעך ווי, אויב גייט זיין אזוי גיי איך טון אזוי, און אויב גייט זיין אזוי גיי איך טון אזוי, און אויב ביידע גייען זיך נישט אויסארבעטן, די מח ארבעט פיבערהאפטיג, ווי אזוי גייט מען שליכטן די שרעקליכע קריזיסן פון אלע זייטן, וואס איז די עצה דא? עס ברענט, עס פלאקערט, עס זעט אויס ווי עס איז סוף וועלט

זאלסט ווייסן אז יעצט קענסטו זיך רישן "אני יוסף", נישט "אני יוסף", "אני השם" איך בין דא, רעד צו מיר בעט פון מיר, איך בין דא, עס איז נישט קיין סיטואציע בכלל, עס זעט טאקע אויס געפעערליך, אבער מיט איין ווארט "אני השם" איך בין דער אייבערשטער, איך בין דא, מיר קענען רעדן מיר קענען שמועסן, עס איז נישט אז עפעס א פרעמדער שטייט דא אונטער די גאנצע זאך, וואס דו דארפסט יעצט פלאנירן א אטאקע דו דארפסט פלאנירן עפעס שרעקליך, עס איז איך, דער אייבערשטער וואס מיר קענען זיך, מיר זענען גוטע פריינט, פלוצלינג פלאצט די לופט באלאן קראכט, עס איז אויס.

אבער אינטערסאנט איז אז די מעשה האלט אין איין געשען נאכאמאל, אויף אזוי פיל פארשידענע אופנים, אז יעדע מאל עקסטער זעט עס אויס ווי יעצט איז טאקע שוין נישט אונטערגעשטעלט, יעצט איז טאקע נישט דא קיין וועג ארויס. דערמאן דיך אני יוסף, יא! איך בין אונטער אלעס, איך האב געגומען יוסף ער איז נישט אין תפיסה, ער איז ביי זיין געליבטע ברודער, און איר האט נישט צוטון מיט קיין שרעקליכע מושל פון מצרים, איר האט דא א ליבע ברודער וואס האט געמאכט א שיינע שפיל.

דאס איז יעדע מאל ווען א מענטש האט א שווערקייט זאל ער ווייסן די ישועה איז נישט פון אונטן נישט אין די זייט און נישט אויבן און נישט אונטן עס איז אין פארענט פון דיר, עס איז דא, יא! דא! דאס וואס זעט אויס ווי די צרה דאס איז די גאנצע ישועה, דער אייבערשטער איז אין דעם אונטער דעם, ער ווארט ער קוקט אריין אין די צרה צו דיר, ער ווארט אז דו זאלסט ארויסרעדן א ווארט צו אים: "הייליגער באשעפער טאטע איך קען נישט, איך ווייס אז דאס איז א אונטערגעשטעלטע שפיל פון דיר אבער איך קען נישט מער, עס איז צו א שרעקעדיגע שפיל, איך וויל דו זאלסטיך שוין באווייזן און זאגן איך בין עס! האב נישט מורא! באשעפער אז דו האסט מיך ליב זאג מיר אצינד".

הוי אני יוסף

# שטעטל נייעס

## הערליכע באזוך אין שטעטל פון סעלישער רב שליט״א פון קרית יואל



אנשי שלומינו האבן א שטארקע הכרת הטוב פאר'ן רב הרה״ג ר' חיים קלמן קליין שליט״א, פארן שטיין שטענדיג צוהילף ווי אימער ער האט געקענט, צוערשט מיט'ן ערלויבן דעם בית המדרש היכל הקודש אויף פרעמישלאן צו נוצן זיין בעיסמענט שבת קודש און ווען מען האט געדארפט פארן געברויך פון די עזרת נשים וכדומה, און די לעצטע יארן ווען די חדר האט זיך אויסגעברייטערט, האט ער געגעבן רשות בחפץ לב אז איינע פון די חדרים זאלן זיך אריינציען אין דעם גרויסן צימער וואס באלאנגט צו אים, דאס אלעס האט דער רב געטון בסבר פנים יפות, אן קיין שום פאמפע בלי שום תשלום גמול.

די אלע זכותים וואס קומען ארויס פונעם בית המדרש, די תפילות פון אידישע קינדער פון די נשים צדקניות, און בפרט די ריינע תורה ותפילה פון די תינוקות של בית רבן שלא טעמו טעם חטא וועט אלעס גיין אויפן קאנטע פונעם חשוב'ן רב שליט״א, און דער אויבערשטער וועט אים עס זיכער באצאלן מיט רוב נחת דקדושה און אלעס וואס ער דארף.

דער רב שליט״א איז וואויל באקאנט פאר פילע קהילות דאהי אין אמעריקע, ווי דער רב שטייט צוהילף, בפרט ווען עס קומט צו מקוואות, איז דער רב שליט״א דער יחיד מומחה וואס צענדליגע קהילות האבן שוין נהנה געווען פונעם רב בעצה ותושיה, זייענדיג אויסגעקאכט אין די הלכות דורך און אדורך, אזוי אויך האט ער צענדליגע יארן אומפארגלייכבארע עקספיריענס אין פראקטיק אין דעם נושא, וואס דער רב קומט אראפ און העלפט בויען טהרה ביי אידישע קינדער.

אויך דא אין היכל הקודש האט ער שוין גאר אסאך געהאלפן, צום ערשט ביים מקוה טהרה אין בית המדרש עצתו אמונה ביי מו״ה יואל שניטצלער הי״ו, ווי ער האט געהאלפן עס זאל זיין אויסגעהאלטן און פראקטיש צום בעסטן אופן, דער רב האט זיך פארבינדן מיט וויזניצער דיין שליט״א פון גיבערס און מיט הרה״ג ר' איטשע טריגער שליט״א זאלן פרעזענליך אראפקומען און באגלייטן די ארבעט אז אלעס זאל זיין געבויט מיט אלע חומרות און הידורים פון בור על גבי בור, און בור דברי חיים און אזוי ווייטער.

די זעלבע האט זיך אויסגעשטעלט ביים מקוה טהרה וואס מען האט געבויעט אויף האשקי, איז דער רב שליט״א געשטאנען צו די קהילה צו די רעכטע האנט און ארויסגעהאלפן מיט אלעם וואס עס האט אויסגעפעלט, און אלעס איז געווען בלי שום תשלום גמול.

בפרט לעצטענס ווען די שטעטל האט זיך אויסעשפרייט צו די פרישע געגענט אינעם ווילעדזש, האט ער געהאלפן און צושטאנד געברענגט אז די קהילה זאל באקומען דארט די בעלות אויף די ביז יעצטיגע מקוה טהרה וואס פלעגט גענוצט ווערן דורך די טויזנטער זומער איינוואוינער במשך די זומער, און יעצט איז עס מיט זיין הילף אריבער צו די קהילה, ווי עס וועט גענוצט ווערן במשך דעם גאנצן יאר בעזרת השם יתברך. אזוי אויך האט ער געשאפן א נדבן וואס האט אויסגעצאלט דאס גראבן פרישע קוועלער ביי די אלע מקוואות וואס מען האט געבויעט כדי די מקוואות זאלן זיין דאס מערסטע מהודר וואס איז שייך.

יעצט איז דער רב אראפ געקומען אין שטעטל כדי איבערצוגייען מיטן דיין שליט״א אלע פראקטישע און הלכה'דיגע ענינים פון די מקוואות, און זען מיט די אייגענע אויגן וויאזוי זאכן האבן זיך אויסגעארבעט און וויאזוי עס ווערט געפירט למעשה.

דער רב איז קודם אנגעקומען אין בית המדרש אויף האשקי וואו די כולל זיצט און לערנט בהתמדה, און איז געגאנגען מיטן דיין אינאיינעם זען די מקוה טהרה אויף האשקי, זיי זענען דורכגעגאנגען אלע פרטים און פרטי פרטים פון די מקוה. דער רב שליט״א האט זיך אויסגעדרוקט

מיט גרויס התפעלות ווי גוט שיין פראקטיש און מהודר די מקוה איז אהערגעשטעלט געווארן.

דערנאך איז מען אינאיינעם אריבערגעגאנגען צום בית המדרש אשר בנחל, ווי מען האט באזוכט די שול און די מקוה וואס מ'האט נארוואס געענדיגט בויען, און מען איז דורכגעגאנגען מיטן דיין שליט"א וויאזוי צו מסדר זיין די בעסטע וועג מ'זאל קענען האבן מי גשמים. פון דארט איז מען אריבער צום געגאנגען צום בית המדרש עצתו אמונה, צו באטראכט די שול און די מקוה טהרה.

דערנאך האט דער רב געכאפט א בליק אין די ישיבה, ווי ער האט זיך אומגעקוקט ווי די בחורים לערנען פלייסיג, פון וואס דער רב האט זייער הנאה געהאט.

דערנאך איז מען אריבער צו די מקוה טהרה אין די ווילידזש וואס דער רב האט געהאלפן שאפן פאר די קהלה, ווי מען איז דורכגעגאנגען מיטן דיין וויאזוי אלעס איז דארט אהערגעשטעלט, און מען איז דורך אלע פרטים וויאזוי מען דארף זיך אומגיין דערמיט.

פון דארט האט מען געמאכט א קורצע באזוך אין די מצה בעקעריי, איינע פון די פילע מקצועות אויף וואס דער רב האט אסאך ערפארונג, זייענדיג עוסק אין פירן א מצה בעקעריי שוין פאר לאנגע יארן. דער רב האט אלעס באטראכט, און געזאגט אז ער האט זייער הנאה צו זען ווי גוט אלעס איז אוועק געשטעלט, אז עס זאל זיין דאס בעסטע סיי הלכה'דיג און סיי פראקטיש.

דער רב האט ארויסגענומען פארן דיין א נייע סארט וועלגערער וואס איז לעצטענס ערפינדן געווארן געמאכט פון מארמארשטיין, און עס האט זיך אנטוויקעלט א שיינע תורה'דיגע שמועס איבער די פילע פרטי הלכות פון באקן מצות, מען האט דורכגעשמועסט די מעלות פון ביידע סארט וועלגערערס, און די צדדים לכאן ולכאן וועלכע מען זאל ענדערש נוצן, צי מ'זאל בלייבן ביים ביז יעצטיגן סיסטעם וואס האט זיך זיינע מעלות, אדער איז ענדערש מ'זאל עס איינטוישן צום נייעם סארט וואס איז געמאכט פון שטיין וואס האט פילע מעלות להלכה. צוםביישפיל עס איז גרינג צו וואשן, עס וועגט מער און דערפאר איז גרינגער צו וועלגערן דערמיט, אויך וויבאלד עס איז שטיין בלייבט עס קאלט - א שטארקע מעלה להלכה.

די באזוך פונעם רב איז געווען א געוואלדיגע תועלת פאר די פילע מקוואות און אנדערע פראיעקטן וואס די קהילה האלט אינמיטן בויען.



## מזל טוב צום אנהייבן פון סדר מועד אין תלמוד ירושלמי

חסידי ברסלב תלמידים פון מוהרא"ש זי"ע כאפן זיך ארויף אויף דער געלעגענהייט ווען דער באן פון ירושלמי איז אנגעקומען צו א פרישע סטאנציע, און כאפן זיך ארויף דערויף און הייבן אן יעדן טאג צו לערנען א בלאט גמרא ירושלמי.

מוהרא"ש זי"ע האט איינגעפירט אז אנשי שלומינו זאלן לערנען יעדן טאג א בלאט בבלי, א בלאט ירושלמי און א פרק תוספתא, זאגענדיג אז בבלי ירושלמי און תוספתא זענען ראשי תיבות "בית" און מיט דעם וואס מען לערנט יעדן טאג די דריי לימודים איז מען זוכה צו קויפן א הויז אויף יענע וועלט.

מוהרא"ש פלעגט זאגן אז עס איז כדאי מען זאל זיך קויפן אליינס א הויז צו וואוינען דא אויף דער וועלט און נישט דארפן צוקומען צו א צווייטן צו דינגען און זיין אנגעוויזן אויף יענעמ'ס חסדים אז ער לאזט דיר דארט וואוינען, און דיין גאנצע רענט קויפט דיר גארנישט איין, די זעלבע זאך אויף יענע וועלט פלעגט מוהרא"ש זאגן דארף זיך א מענטש באזארגן ביים לעבן ער זאל נישט זיין היימלאז, און לערנען די דריי לימודים יעדן טאג געבט פאר א מענטש וואו צו וואוינען אויף יענע וועלט.

מוהרא"ש פלעגט זאגן אז לערנען יעדן טאג די דריי לימודים איז אויך מסוגל צו קענען קויפן א הויז אויף דער וועלט. מען זעט טאקע אנשי שלומינו לערנען יעדן טאג די בית נצחי לימודים, און אפילו אינגעלייט קוים א יאר צוויי נאך די חתונה, קויפן זיך שוין א הויז.

דערפאר ווילן אנשי שלומינו אויסנוצן די געלעגענהייט און נישט קיין חילוק וואס איז געווען נעכטן, ווערט מען היינט אנהייבן תלמוד ירושלמי מסכת שבת און בעטן דעם אויבערשטן מען זאל קענען לערנען יעדן טאג און מיט דעם ווערן צוגעקלעבט צו די הייליגע תורה.

# "מעשיות פון תפילה"



## נחמן נתן קרויס - קרית ברסלב:

איך האב געהאט אויף מיין טעלעפאן אקאונט צוויי ליינ'ס, איך בין געגאנגען צו מיין אקאונט און אראפגענומען איין ליין וואס איך דארף נישט, בטעות האבן זיי אויסגעמעקט די פאון נאמבער וואס איך דארף יא.

ווער עס ווייסט אז צוריק באקומען א טעלעפאן נאמבער איז זייער א שווערע זאך, ביז אכט און פערציג שעה געבן זיי עס נישט ארויס פאר קיינעם און שפעטער גייט עס ארויס און פאבליק.

איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז עס איז א טעלעפאן נאמבער וואס איך האב שוין פאר די לעצטע צען יאר, זייער אסאך קאנטעקטס פון מיין אקאונט, זייער אסאך מענטשן וואס איך קען, וועלן דארפן יעצט ליידן ווייל איך האב נישט קיין טעלעפאן נאמבער, איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל צוריק באקומען די נאמבער.

איך האב זיי אריינגערופן דעם קומענדיגן טאג, איך בין געווען מיט זיי אויפן פאון בערך א האלבע שעה, און ברוך השם מיט אסאך תפילות האב איך צוריק באקומען מיין טעלעפאן נאמבער. שכח אייבערשטער.

## שמעון עוזר פערל - ירושלים עיר הקודש:

עס איז געווען יעצט ערב ראש חודש טבת, איך האב געדארפט האבן געלט צו באצאלן שכר לימוד, דער ראש ישיבה רעדט אזויפיל אז דאס איז פון די ערשטע זאכן וואס מען דארף באצאלן.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל האבן פון ווי צו באצאלן, איך האב זיך דערמאנט אז נישט לאנג צוריק האב איך געמאכט א ארבעט פאר איינעם און ער האט מיר נאכנישט באצאלט פאר דעם, האב איך אים געפרעגט אויב ער האט אפשר געלט פאר מיר, זאגט ער מיר אז ער האט יעצט נישט, און בכלל ער דארפן נאך מאכן א חשבון וויפיל ער קומט מיר, און אפילו ער קומט מיר יא דארף ער נאך זען ווי אזוי עס קען אנקומען צו מיר, ווייל ער וואוינט אין א אנדערע שטאט.

אזוי ווי עס איז געווען חנוכה האב איך יעדן טאג זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן ביי פתיחת הארון אז איך זאל קענען באצאלן שכר לימוד.

נעכטן ערב ראש חודש זאגט ער מיר אז ער איז יעצט אין געגנט פון מיין הויז און ער האט פאר מיר א סכום געלט, עס איז נאכנישט געווען די גאנצע סכום, אבער איך האב געדאנקט דעם אייבערשטן אויף דעם און ווייטער געבעטן איך זאל קענען באצאלן די גאנצע סכום.

ווען איך האב געגעבן די געלט פארן מנהל פרעגט ער מיר, וויפל געלט דארף איך דיך געבן פאר דאס וואס דו האסט געארבעט פארן מוסד א צייט צוריק, רעכן עס אראפ פון דעם. אזוי איז אויסגעקומען אז האב איך געקענט באצאלן די גאנצע געלט פון שכר לימוד, און עס איז מיר נאך געבליבן א סכום געלד צו קענען געבן פארן מלמד פון מיין אינגל לכבוד חנוכה. שכח אייבערשטער.

## א דרייווער פאר די מוסדות - וויליאמסבורג:

איך האב זייער א לאנגע צייט געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל קענען זוכה זיין צו זיין שבת חנוכה מיט דער ראש ישיבה אין שטעטל, צו קענען באצאלן די קאסטן פון דעם שבת, די קאר און די דירה, עס האט נישט אויסגעזען אז איך גיי עס האבן. שכח אייבערשטער אז איך האב געהאט געלט צו דינגען א קאר און צו צאלן פאר די דירה.

אויפן וועג אהיים קיין קאנאדע האב איך געהערט אז עס ווארט אונז אפ א גרויסע גרויסע שטורעם, אלע נייעס האבן געזאגט אז עס גייט זיין א שטורעם און מען זאל זיך אכטונג געבן. איך בין געווארן אביסל דערשראקן, ווייל ווער עס דרייווט אויף די וועגן און בפרט אויף קאנאדע ווייסט אז עס איז זייער שווער צו פארן אין שווערע וועטערס, בפרט ווען איך האב שוין געהאט אין די פארגאנגענהייט שוועריקייטן אויפן וועג.

ברוך השם איך האב אנגעהויבן אהיים צו פארן, אנפאנג האט נאר געדרעגנט, איך האב געוואוסט אז רעגן מיינט אז עס קען ווערן א שניי זייער שנעל, איך האב א גאנצן צייט געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל נישט זיין קיין שניי און נישט קיין אייז וכדומה, און פלא והפלא עס איז נישט געווען קיין טראפ אייז און קיין טראפ שניי די גאנצע וועג פון 6 שעה ביז קאנאדע, עס האט נאר געדרעגנט א גאנצע וועג, ממש א נס, א ריזיגע מעשה פון תפילה.

# א בריוו

## פונעם ראש ישיבה שליט"א

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

אוּם שַׁבָּת הָאט מֶען גֶעלֶערְנְט בַּיי אוּנְז אִין שׁוּל אִין סֵפֶר פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק סִימָן תשכ"ט, אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן, **"דִי גַאנְצֶע וֶועלְט הָארֶעוֶועט פַאר דִיר"**, אוּן אוּנְטְן אִין דִי הֶעָרָה אִיז מוֹהֲרָא"שׁ דָאס מַסְבִּיר אוּן עֶנְדִיגְט צוּ "ודו"ק ודו"ק", הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פְרֶעגְן וָואס מֵיינְט דָאס וָוארְט "ודו"ק"?

נָאךְ אַ זַאךְ, וַוייטֶער אִין סִימָן תש"ל אִין דִי הַגָּהָה שְׁרַייבְּט מוֹהֲרָא"שׁ אוֹיף דִי תּוֹרָה אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רפ"ב אַז דִי תּוֹרָה אִיז מְבוֹאָר בַּאֲרִיכוּת אִין סֵפֶר שְׂפַת הַנַּחַל אוֹיף דִי תּוֹרָה, אָבֶער פַּאקְטִישׁ גֵייט דֶער סֵפֶר שְׂפַת הַנַּחַל נָאר בִּיז סִימָן נ"ז אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן.

יְיַשֶׁר כֹּחַ

תְּשׁוּבָה מֵאֵת הָרֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א:

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיְחִי, ח' טֵבֵת, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר, תַּלְמִיד יְשִׁיבָה וּמְתִיבְתָּא הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ יְרוּשָׁלַיִם**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען אִין קְרַאסְנִי, אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: **"פַארְוָואס בִּיסְטוּ מָרָה שְׁחוֹרָה?** הָאסְט חֲרָטָה אוֹיף וָואס דוּ הָאסְט אָנְגֶעהוֹיבְּן?" הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "נֵיין", פְרֶעגְט אִים דֶער רֶבִּי: "נוּ אוֹיבּ אַזוֹי וָואס בִּיסְטוּ מָרָה שְׁחוֹרָה?" זָאגְט רֶבִּי נָתָן: **"אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"**, פְרֶעגְט אִים דֶער רֶבִּי: **"נוּ, וָואס דַארְפְסְטוּ זִיךְ זָארְגְן?!"** אוּן דֶער רֶבִּי זָאגְט אִים: **"דִי גַאנְצֶע וֶועלְט הָארֶעוֶועט פַאר דִיר; דֶער פָארְט קַיין בְּרֶעסְלָא, אוּן דֶער פָארְט דָארְט, אַלֶעס נָאר פַאר דִיר"**; מִיט דִי וֶוערְטֶער הָאט אִים דֶער רֶבִּי זֵייעֶר מְחַיֶּה גֶעוֶוען. קוּק נָאךְ דִי גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה אִין סֵפֶר פְּעוּלַּת הַצַּדִּיק, אוֹת תשכט.

מוֹהֲרָא"שׁ גֶעבְּט אוּנְז צוּ פַארְשְׁטֵיין, וָואס הָאט דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מִיט רֶבִּי נָתָן? וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם רֶבִּי'ן אִין דִי וֶועלְט. דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן שע): **"וֶוען נִישְׁט רֶבִּי נָתָן וָואלְט נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן פוּן מִיר קַיין שֵׁמוֹת בְּלֶעטְל"**; וֶוען נִישְׁט רֶבִּי נָתָן וָואלְט קֵיינֶער נִישְׁט גֶעוְוּיסְט פוּן רֶבִּי'ן, עֶס וָואלְט גֶעבְּלִיבְּן אַ סוֹד. רֶבִּי נָתָן הָאט מִיט מְסִירַת נֶפֶשׁ פַארְשְׁפְּרֵייט דֶעם רֶבִּי'ן אוֹיף דִי וֶועלְט, עֶר הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אִין דִי וֶועלְט דִי עֵצוֹת וָואס מָשִׁיחַ צִדְקֵינוּ וֶועט מְגַלֶּה זַיין, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן רסו): **"צְווִישְׁן מִיר אוּן מָשִׁיחַ אִיז נִישְׁטָא קַיין אוּנְטֶערְשֵׁייד, וָואס אִיךְ זָאג וֶועט מָשִׁיחַ זָאגְן"**; קוּמְט אוֹיס אַז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אַלֶעס פַאר אִים.

ודו"ק אִיז מִלָּשׁוֹן וְדַיֵּיק, קְלֶער גוּט אַרַיין וָואס דָא שְׁטֵייט; דָאס אִיז אַן אוֹיסְדְרוּק וָואס מֶען שְׁרַייבְּט וֶוען מֶען וִויל מֶען זָאל צוּלֵייגְן קָאפּ צוּ וָואס עֶס שְׁטֵייט.

אוֹיף דִי צְוֵוייטֶע פְרַאגֶע וְכוּ'; מוֹהֲרָא"שׁ הָאט גֶעשְׁרִיבְּן זֵייעֶר אַסַאךְ, אוּן נִישְׁט אַלֶעס אִיז שׁוֹין גֶעדְרוּקְט, מִיר הָאפְן אוּן מִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מֶען זָאל שׁוֹין עֶנְדִיגְן אָפְּדְרוּקְן אַלֶעס.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

# א שיחה

## פון דער ראש ישיבה שליט"א



## הילולת מוהרנ"ת

**ביים רעדן פון הייליגן רבי נתן אין טאג פון די יארצייט האט דער ראש ישיבה געזאגט:** דער עיקר דארפן מיר פאלגן וואס ר' נתן האט אונז געלאזט צוואה; ר' נתן איז נסתלק געווארן ערב שבת פרשת ויגש עשרה בטבת שנת תר"ה לפ"ק.

אפאר שעה בעפאר ר' נתן איז נפטר געווארן האט ער געזאגט די ווערטער (און דאס איז פאר אונז אזוי ווי א צוואה פון ר' נתן זכרונו לברכה): "נו, אז עזרא הסופר גייט אוועק פון דער וועלט, און טריף פסול איז זיך מתגבר, אזוי פיל ווי ס'איז היינט דא אלפים ורבבות טריף פסול; נאר איך האף, אז איין בלעטל פון רבינ'ס ספרים וועט זיין א תיקון אויף אלסדינג", און ר' נתן האט אויסגעפירט: "איך זאג אייך אן, אז אייער עובדא זאל זיין איר זאלט דרוקן די ספרים, סע זאל זיין 'יפוצו מעינותיך חוצה', איר זאלט זיין שטארק מיט 'געלט' מיט 'רצון' און מיט 'טירחא'"; (עזרא הסופר איז נסתלק געווארן עשרה בטבת, ר' נתן האט דאס מרמז געווען אויף זיך, אז ער האט געהאט נשמת עזרא הסופר).

דאס דארפן מיר טון, עוסק זיין אין פארשפרייטן דעם הייליגן רבינ'ס ספרים אויף די גאנצע וועלט, מיר זאלן זיין שטארק מיט 'געלט' מיט 'רצון' און מיט 'טירחא'; דאס הייסט, איינער קען ברענגען געלט צו דרוקן - זאל ער ברענגען געלט, איינער קען קומען העלפן דרוקן - זאל ער קומען דרוקן, איינער קען גיין אויף די הייזער מיט די ספרים וכו', יעדער איינער זאל צו לייגן א האנט, האבן א חלק אין מגלה זיין דעם אייבערשטן אויף די גאנצע וועלט.

(מכתב יום א' פרשת ויחי, ו' טבת, שנת תשע"ח)

גרשון קרעמער



## אוויאציע און פליגערס

אונזער באקאנטער ר' יעקב וועמען מיר האבן שוין קענען געלערנט פאריגע וואך שפאצירט צווישן דיביימער - ווי ער טוט כסדר - און דאנקט דעם אויבערשטן אויף זיינע פילע חסדים וואס ער טוט מיט אים יעדן טאג און יעדע מינוט, די גראז און ביימער העלפן אים ארויס מיט זיין שפאציר און שמועס מיטן אויבערשטן, ווען פון אלע זייטן טשוויטשקען זיך אזוי זיס די פייגעלעך, ווען אויך זיי זינגען שירה צום אויבערשטן, בשעת זיי פליען אזוי פריי צווישן די ביימער און גראז.

יעקל באטראכט די פייגעלעך, און קוקט זיך צו ווי זיי פליען אזוי גרינג מיט בלויז א שאקל פון די פליגלען, "וויאזוי פליען זיך די פייגלעך אזוי גרינג?", ער כאפט זיך אז אייגענטליך האט דער אויבערשטער אריינגעגעבן חכמה אין די מענטשן מען זאל קענען נאכמאכן די פייגלעך, היינט צו טאגס זענען פאראן א געשאצטע פינף און צוואנציג טויזענט פליגערס אין באנוצליכע צושטאנד, און יעדע מינוט געפינען זיך א געשאצטע צען טויזענט פליגערס אנגעפילט מיט פאסאזשירן אין די לופט.

טראכטענדיג פון די פליגערס איז די וואונדער אסאך גרעסער: א באאינג 747 פליגער וועגט היבש איבער 400,000 פונט (בערך 200,000 קילאגראם) און ווען עס איז אנגעפילט וועגט עס אן עווערידזש גאנץ נאנט צו א מיליאן פונט (איבער 400,000 ק"ג), לופט איז ממש א "גארנישט", איז וויאזוי קען דער "גארנישט" האלטן אזא שווערע פליגער?

דער ענטפער דערצו ליגט אינעם קאצעפט וואס מען רופט "ליפט" (נישט זיך אויסמישן מיט "לופט"), דער אויבערשטער האט אריינגעלייגט אין "ליפט" א געוואלדיגע כח, וואס ערמעגליכט אז ריזיגע פליגערס זאלן זיך קענען הייבן אין די לופט גרינגערהייט. כדי צו באקומען ליפט דארפן די פליגלען זיין פארמירט אין א ספעציעלע פארעם וואס שטופט ארויף דעם עראפלאן.

כדי א פליגער זאל זיך קענען הייבן מוז עס פארן שנעל, און די פארעם פון די פליגלען זענען געבויעט אויף אזא וועג אז אויבן איז עס מער געדרייט און אונטן מער פלאך און ווען עס פארט שנעל פארט דורך לופט פון אונטן און העכער די פליגל, די לופט פון העכערן פליגל דארף פארן שנעלער צוליב די לענגערע וועג ביז די אנדערע עק, און דאס איז גורם א שטארקע לופט דורק פון אונטערן פליגל און א נידעריגע לופט דרוק פון אויבן, דאס איז די באדייט פון א "ליפט" וואס אויף דעם קאנצעפט איז געבויעט דאס פליען פון פליגערס.

"כל העולם לא נברא אלא בשבילי," טראכט ר' יעקב צו זיך, מיליאנען גוים ארבעטן יעדן טאג אין די אוויאציע אינדוסטריע, דער ביים בויען די פליגער, און די אנדערע ביי די לופטפעלדער, אלעס ווערט מעינטעינד, אן דעם וואס איך דארף אפילו טראכטן דערפון, אלעס האט דער אויבערשטער צוגעגרייט אז ווען איך וועל דארפן פארן ערגעץ מיט א פליגער, דארף איך בלויז שאקלען מיט די ליפן און בעטן תפילות פונעם אויבערשטן, און הונדערטער עירליינס און עירפארטס, קאנטראל צענטערן, סעקיורירי באאמטע, אלע שטייען אוןווארטן אז איך זאל קומען צום באשטימטן רייזע.

אין די נישט ווייטע פארגאנגענהייט, ווען אנשי שלומינו האבן געוואלט פארן אביסל ווייטערע לענדער - צום ביישפיל ארץ ישראל - קיין אומאן, פלעגט מען זיך דארפן ארויסלאזן וואכן פריער, שוין אנפאנג חודש אלול, און זיך געוואלגערט אויף די וועגן מיט וועגענער קיין איסטאנבול טערקיי, און פון דארט מיט א שיף קיין אדעסע. ווער רעדט נאך אויב איינער וואלט געוואלט פארן פון אמעריקע קיין אומאן.

היינט אפילו ווען די וועגן זענען אביסל שווערער פון טעליכע יאר צוריק, איז עס רעליטיוו ממש גארנישט, דאנקען מיר דעם אויבערשטן אז מען קען פארן צום הייליגן רבין און סיי וואו מיר ווילן ממש ווי א מלך, און אין וויניגער פון צוויי טעג קענען מיר אנקומען פון ניו יארק ביז אומאן.

ר' אברהם בן ר' נחמן האט זיך אויסגעדרוקט בשנת תר"ע, ווען עס האט נאך געדויערט חדשים צו פארן אויפן שיף "עס וועט נאך קומען א צייט א מענטש שטייט אויף עס איז אים שווער אויפן הארץ, וועט ער קענען דאווענען אין ארץ ישראל שחרית, מנחה ביים רבינס ציון, און מעריב אינדערהיים.".



# IN AN ACCIDENT?

## CALL THE EXPERT

**MINT COLLISION**

Accidents can happen,
Our professional & caring staff will handle the entire process.

- 24-Hour Towing
- Full Car Repair
- Rental Replacement
- Trusted by all major insurance companies



For Upstate Customers;
We pickup & deliver all year round.

אייער פריינט ארי׳ לייב פעקעטע

347-742-7778

mintcollision@gmail.com

געדאנקען

משה ארי' שניצלער

# א שידוך אויפ'ן האדסאן ריווער



די לעצטע שבת-מברכים-באזוך פון דער ראש ישיבה אין שטעטל האט זיך אנגעהויבן מיטוואך נאכט פרשת וישב.

די ערשטע מאל וואס איך האב געזען דער ראש ישיבה איז געווען דאנערשטאג. איינס אזייגער בין איך געווען אין די כולל אפיס וואס איז סטאנציאנירט אין די גרויסע קאמפלעקס פון קרן הדפסה היכל הקודש, איך בין ארויס פאר איין מינוט פון די כולל אפיס און געגאנגען צו דעם גרויסן באלעבאטישן לאנטש-רום וואס געפינט זיך דארט, אזוי צוריקגייענדיג פון די עס זאל צום כולל אפיס, הער איך די בעל קלינגט, אזוי בשעת איך הער די בעל קלינגען, בין איך פונקט אדורך וואו מ'קען זען דורך די גלאז ווער ס'שטייט ביי די טיר, איך זע דער ראש ישיבה איז דא! כ'האב געגעבן א פרישע דערקוויקנדע טיפע אטעם, אזוי ווי איינער גייט שבת נאכ'ן טשאלנט ארויס פון א אכציג דעגרי דיינונג רום צו א פופציג דעגרי לופטעלע אינדרויסן אויפ'ן פארטש.



דער ראש ישיבה איז אריינגעקומען אין הדפסה בילדינג, איך בין צוריק צום כולל אפיס, בערך פינף צען מינוט שפעטער האט דער ראש ישיבה אפגעשטאט א קורצע באזוך אין כולל אפיס, דער ראש ישיבה האט זיך נאכגעפרעגט אויף די פאנד רעיזינג אקטיוויטעטן, און וואס איך טו יעצט אויפ'ן מאמענט, כ'האב געזאגט אז יעצט רוף איך א איד א נגיד וואס האט געטון א שידוך מיט א קינד, כ'האב געזאגט פאר דער ראש ישיבה אז דאס איז איינס פון די פאנדרעיזינג מיטלען וואס מיר נוצן צו העלפן דעקן די כולל. (ביזדערווייל איז דאס פון די גאר קליינע איינקופטן, מ'ארבעט דערויף אז מ'זאל אנקומען צו מער מענטשן, און מער אויסשמועסן דעם צוועק אויף א מער פערזענליכע לעוועל).

אויף מיין טיש איז געווען א פעיפער-קאפ פון די קאמפיין פון






**"יעדע מחשבה וואס מ'טראכט נישט פון באשעפער איז דמיון"**

באבוב-45, האט דער ראש ישיבה געפרעגט אויב איך האלט עס אויף מיין טיש עס נאכצומאכן, האב איך געזאגט אז ניין, איך האלט עס אויף מיין טיש צו געדענקען אנצורופן א חשוב'ן נדבן וואס האט שייכות מיט באבוב-45, א גרויסער בעל צדקה.

צווישן אנדערן האט דער ראש ישיבה געפרעגט, וויפל איז דער וועכנטליכער בודזשעט פון כולל, מיר זענען אריין אין אנדערן אפיס, וואו עס ווערט געפירט די כולל בוקקיפינג, און איבערגעקוקט די פונקטליכע נאמבער פון די וועכנטליכע בודזשעט, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז מ'דארף מאכן "באנוס טשעקס" לכבוד חנוכה, א הונדערטער חנוכה-באנוס פאר יעדן אינגערמאן אין כולל, דער ראש ישיבה זאגט מיר, דו מוזט עס וויסן, אז מ'מוז ווייזן אפרישיעישן.

דער ראש ישיבה האט געשמועסט עטליכע מינוט מיט מיר און מו"ה אשר יעקב הי"ו, דער ראש ישיבה האט געזאגט וועגן די כולל "דאס איז נאר די אנהייב! דאס איז נאר די התחלה! עס וועט נאך זיין הונדערטער אינגעלייט אין כולל!"

אזוי אינמיטן שמועס האב איך באדאנקט דער ראש ישיבה פאר א מורא'דיג ווארט וואס איך האב געלערנט לעצטנס אין עצתו אמונה, "יעדע מחשבה וואס מ'טראכט נישט פון באשעפער איז דמיון" איך האב זייער אסאך חיזוק פון די טייערע מורא'דיגע ווארט.

נאכדעם איז דער ראש ישיבה געגאנגען צו אנדערע צימערן אין דעם אפיס קאמפלעקס, איך בין צוריק אין די כולל אפיס, נאך עטליכע מינוט, האב איך געדארפט ארויסקומען עפעס נעמען פון לאנטש רום, זע איך ווי די ראש ישיבה שטייט לעבן די אפיסעס פון מו"ה יואל נ"י פון מכון עצתו אמונה, און מו"ה משה נ"י פון "קול ברסלב" און דער ראש ישיבה קוקט אויף מיר, האלטענדיג צוויי בריוון פון עצתו אמונה, דער ראש ישיבה פרעגט מיט א וואונדער, "דאס איז צו שארף?" און דער ראש ישיבה זאגט מיר איך זאל עס ליינען, הויך, אויפ'ן קול, איך האב עס געליינט. איין בריעף איז געווען וואס האט דעם טיטל "גיי נאך געלט און ברענג עס אין אפיס פון די מוסד צו צאלן מלמדים" און די



# געדאנקען





אנדערע איז געווען וועגן רעדן שיין אינדערהיים (ביידע האב איך וועקגעלייגט אינדערהיים און אויפגעשריבן "דער ראש ישיבה האט מיר דאס געגעבן אין די הענט אריין און געהייסן פארליינען פאר די ארומיגע").

נאכדעם איז דער ראש ישיבה אראפ צו די פרינטינג רום, וואו די צענדליגער מאשינען קנאקן ארויס די הייליגע ספרים וואס שרייען אויף די גאנצע וועלט, דו קענסט אנהייבן א נייע בלעטל אין לעבן, דער אייבערשטער נעמט דיך צוריק יעצט די מינוט, פארגעסן וואס איז געווען, די הערליכע ארבעט ווערט אנגעפירט מיט גרויס געניטשאפט דורך מו"ה נחמן נתן הי"ו און זיינע מיטהעלפערס.

איך האב זיך געיאגט אהיים, צו קענען נעמען מיין קליינעם זון צו די ערשטע חנוכה'דיגע מנחה מעריב, (די גרעסערע קינדער האט דער באס אראפגעלייגט גלייך פון חדר צום בית המדרש) אריינקומענדיג אין שול האבן מיך באגעגנט א כוואליע פון פושקעס וואס האבן געקלאפט און געפאדערט מיט א עזות דקדושה אז איך זאל געבן אפצאל-געלט צו קענען צוקומען צום ספרים שאנק צו נעמען א סידור און זיך זעצן אויפ'ן ארט צום דאווענען.

די פושקע יאווערייען און קלאפעראציע האט מיך דערמאנט פון שיטת רבינו הקדוש מ'סאטמאר זכותו יגן עלינו, אז עס איז א טובה פאר א ערליכע קהילה צו בעטן פון די חברי הקהלה ווי מער צדקה, אז מען בעט מער, געבט דער עולם מער, און אז דער עולם געבט מער, באקומט דער עולם מער און מער פון הימל. (מיט דעם קען מען אפשר פארענטפערן די קושיא וואס אלע פרעגן, וויאזוי קען היכל הקודש ברסלב מצליח זיין? וואו נעמט מען אזוינע געלטער? די תירוץ איז פשוט, אין שטעטל איז דא הונדערט און פופציג משפחות מיט פופצן גבאי צדקה, וואס שאפן געלט פאר פופצן צוועקן, דער עולם אין ברסלב געבט אסאך צדקה, במילא קומט צוריק נאך, און מ'געבט נאך, און ס'קומט נאך, און אזוי ווייטער און ווייטער).

**עס איז א טובה פאר א ערליכע קהילה צו בעטן פון די חברי הקהלה ווי מער צדקה**

נאך מנחה מעריב בין איך געגאנגען קוקן ביי דעם שמש'ס שענקל צו ער האט שוין די נייע מנורה-בענקל, און צו כ'האב גענוג וואטע און גלעזלעך, דריידלעך און קנויטלעך, צינדער'ס און בינדער'ס, זאגער'לעך און וואג'עלעך און טשאקלעד-געלט וואס מ'לעקט און סע'melt. נאכדעם בין איך געגאנגען מיט מיינע קליינע קינדער קוקן דער ראש ישיבה'ס חנוכה לעכט צינדן.

ס'איז געווען זייער שיין צו זען ווי דער ראש ישיבה געבט זיך אפ מיט חינוך הילדים אזוי ווי דאס איז די חשוב'טע און וויכטיגסטע (קענסט יענע מענטש וואס די





געלט איז די עיקר און חינוך איז די טפל? אין ברסלב איז חינוך אזוי ווי ביי יענעם געלט, און די געלט איז אזוי ווי ביי יענעם די חינוך) און אלעס מיט א געשמאקקייט און זיסקייט, נישטא קיין זכר פון אנגעצויגנקייט און בייזעראציע, לויטער פרייליך, בלויז אנגענעם, די קינדערלעך האבן אלע געשיינט מיט א שמייכל פון אויער צו אויער.

דער ראש ישיבה האט אונז אנגעוואונטשן און געבענטשט די קינדער.

נאכדעם זעמיר אהיימגעגאנגען צינדן די הייליגע חנוכה לעכט, ס'האט געשמעקט פון די היימישע דעלישעס פעטיגע חנוכה מאכלים, מען האט געהערט די איידעלע גערויש ווי די אויל אינעם פענדל טוט מיט די גרעסטע מאס געטריישאפט די אפפרעגלען פאטעיטע-אייער-געמיש (מיר האבן אויפגעפאדערט דעם דייטש דאקטער אז ער איז מחוייב צו נעמען א "געצווינגענע אורלויב" אויף צווייי וואכן), כ'האב געלאזט מעלדן אין קיך אז אויב עס פאדערט זיך איינער זאל פארזוכן

**ס'האט געשמעקט פון די היימישע דעלישעס פעטיגע חנוכה מאכלים**

די חנוכה מאכלים, קען איך עס טון מיט גרויס איבערגעגעבנקייט. איך האב טאקע א ביזי סקעדזשול, אבער איך וועל א טובה טון און אריינשטופן צייט צו פארזוכן פון יעדן מאכל באזונדער.

נאכ'ן צינדן די ערשטע ליכטעלע האמיר געהאט די זכי' אז דער ראש ישיבה איז געקומען צו אונז אויף א קורצן באזוך, ס'איז געווען זייער געשמאק, שכח אייבערשטער פאר דעם הערליכן באזוך.

ניין אזייגער איז געווען די "וועכנטליכע אינגעלייט שיעור" אין שטעטל, דער ראש ישיבה האט גערעדט זייער שטארק וועגן רעדן שיין אינדערהיים, און נישט חלילה ווארפן א פחד.

פרייטאג צופרי' האט דער ראש ישיבה געדאווענט אין ישיבה היכל הקודש ברסלב ד'קרית ברסלב המתנהלת על ידי מו"ה יוסף שניטצלער הי"ו.

פרייטאג צו נאכטס האט דער ראש ישיבה געדאווענט קבלת שבת פאר'ן עמוד. בעניני נגינה איז געווען דריי חידושים דעם שבת, איינס איז געווען די נייע ניגון ביי לכה דודי, די צווייטע חידוש איז געווען אז דער ראש ישיבה האט צופרי' ביי הלל דריי מאל געניגצט דעם ניגון פון "קה אכסוף". די דריטע חידוש איז געווען וואס דער ראש ישיבה האט צום ערשטן מאל געניגצט ביי "לך אזבח זבח תודה" דעם שטיקל "ופרצו חומות מגדלי" פון ר' יוסעלע ראזנבלאט





ע"ה.

פרייטאג צו נאכטס נאך די באטע, בין איך ארויס פון שול, איך שטיי אזוי און קוק ווי דער ראש ישיבה רעדט צו דעם און צו יענעם, א שמייכל פאר א בחור, א חיזוק ווארט פאר א אינגערמאן, א דאנק ווארט פאר די וואס געבן זיך אפ מיט עניני הכלל, אזוי שטייענדיג אינדרויסן ביי די טיר, הייבט דער ראש ישיבה אן צו גיין ארויפצו צו די ראוד, אזוי האט דער ראש ישיבה שפאצירט מיט מיר, דער ראש ישיבה פרעגט מיך וואס האט מען גערעדט ביי די סעודה? האב איך געזאגט מ'האט פארציילט זאכן פון דער ראש ישיבה, נאכדעם האט דער ראש ישיבה גערעדט אז מענטשן הערן זיך צו צו מענטשן וואס רעדן פון מאדנע און פאסקודנע זאכן, און דאס הערן טויזנטער מענטשן, האב איך געזאגט אז וויפל ס'איז מיר נוגע איז עס בעיקר נאר דער ראש ישיבה וואס רעדט ווערטער וואס איז "אינטערעסאנט" און "אויספירבאר". האט דער ראש ישיבה דערמאנט איינער פון די ערליכע רבנים און געזאגט אז ער איז זייער א ערליכער איד אבער צו קענען העלפן מענטשן אז זיי זאלן האבן א זיסע לעבן מוז מען אנקומען צו די עצות פון רבי'ן. דער רבי לערנט אונז בעיקר וואס מ'האט צו טון דא אין פראקטישן טאג טעגליכן לעבן. (אין די ביזנעס וועלט רופט מען עס the here and the now)

מוצאי שבת קודש איז געווען א הערליכע מלוה מלכה, גערופן אויף ניין אזייגער. מיר האבן געהאט א גרויסן סורפרייז ווען דער ראש ישיבה האט ארויפגערופן מו"ה אברהם יושע הי"ו וואס האט אזוי שיין גערעדט און מסביר געווען פארן עולם אז דער בודזשעט פון דעם בית המדרש איז שוין א ערנסטער זאך און דער עולם ווערט געבעטן צו העלפן אז די שול זאל קענען אנגיין אומגעשטערט. די בודזשעט איז אכציג טויזנט דאלער א יאר, און דער עולם ווערט זייער שטארק געבעטן צו העלפן שלעפן דעם לאסט, יעדער וואס קומט אין שול נוצט דאך די לעקטער, הייצונג, קלינינג סטעף און נאך פארשידענע הוצאות.

**ער איז זייער א ערליכער איד אבער צו קענען העלפן מענטשן אז זיי זאלן האבן א זיסע לעבן מוז מען אנקומען צו די עצות פון רבי'ן**

די רעדע פון ר' אברהם יושע האט מיך צוריק געברענגט צו יארן צוריק, ווען ר' אברהם יושע איז אריין די ערשטע טאג אין די ברסלב'ע חדר, מיט מיינע קינדער און נאך עטליכע משפחות, גוטע פריינט האבן מיר דעמאלטס געזאגט אז ברסלב קען נישט מצליח זיין! "דו וועסט דיר קיינמאל נישט מוחל זיין די עוולה פון לייגן דיינע קינדער אין ברסלב" "דו הרג'עסט דיינע קינדער" ועוד ועוד.

וואוילמיינענדיגע מענטשן האבן נאכגעקוקט די ברסלב'ע קינדער אין די פראש-פארק אין בארא פארק און געלאפן צו עסקנים מיט א קראנטע באריכט אז די



ברסלב'ע קינדער זענען דיפרעסט.

עטליכע יאר איז אדורך, איין מוצאי שבת קודש, זומער תשע"ד, אין "ערנפעלד'ס קעמפ", נאך די מלוה מלכה, יעדער גייט שוין צו זייער באנגעלוי, איך בין נאך געבליבן אויבן אויפ'ן בארג, כ'האב מיך נישט געיאגט אראפ צו גיין צו מיין באנגעלוי, מיין ווייב געט מיר א זאג, געב א קוק, ס'איז דא צוגאסט א משפחה פון קרית יואל...... שפעטער איז נתגלה געווארן אז ס'איז טאקע געווען דאס וואס מיר האבן געטראכט, ר' אברהם יושע'ס שווער איז געקומען אים זען, און וואס ווייטער? איך ווייס נישט פון גארנישט, כ'האב געהערט מאחורי הפרגוד וועגן דעם שידוך, אבער איך נעם נישט ערנסט די שמועה, ווען איך וועל דארפן הערן וועל איך הערן.

ס'איז אדורך א וואך צוויי און עס רופט מיך אן איינער פון מיינע נאנטע אז ס'גייט זיין א ספעציעלע פארברענגע אויף א שיף אויפ'ן וואסער ארום מאנהעטן, ער האט פאר מיר א טיקעט און איך בין ווילקאם צו קומען דזשוינען די קראוד. לעולם וואלט איך נישט געזוכט צו גיין, אבער כ'האב געטראכט אלץ דרך ארץ, ער שאפט מיר א טיקעט, זאל שוין זיין א נאכטמאל אויך, און איך בין נאך א וותרן אויך, פאר'ן מסכים זיין צו קומען, וואס קען שוין זיין אזוי שלעכט.....

די שיף רייזע איז באשטאנען פון א מסיבה צו שאפן פאנדן פאר א צדקה צוועק, ס'איז געווען בערך א הונדערט, צוויי הונדערט מענטשן, די מוזיק איז געווען סאמטינג אוט אוו דיס ווארלד, גאר גאר געשמאק, די עסן איז געווען איבערגעווענליך דעלישעס און מלכות'דיג.

די שיף האט געהאט צוויי שטאק, די אונטערשטע שטאק איז געווען א הערליכע לעכטיגע זאל וואו מ'האט געגעסן און געהערט די הערליכע מוזיק מיט באצויבערנדע וועלט בארימטע זינגערס, די אויבערשטע שטאק איז געווען די דעק, וואו מ'האט געקענט זיצן גרופן-ווייז און כאפן א לייכטע שמועסעלע בשעת דער האדסאן ריווער בלאזט אריין אין די לונגען א שטיק פרישקייט פון אטלאנטיק אושן.

די אויבערשטע שטאק איז געווען האלב איינגאנצן טונקל, מיט עטליכע צאנקענדיגע פענסי לעכטעלעך, און די אנדערע האלב איז געווען נאך מער טונקל, אן קיין לעכט, די לבנה האט אויך נישט געשיינט יענע נאכט, טונקל as in טונקל. זיץ איך מיר אזוי אויפ'ן דעק פון שיף, קיינער זעט

**ס'גייט זיין א ספעציעלע פארברענגע אויף א שיף אויפ'ן וואסער ארום מאנהעטן**








**דער אייבערשטער זאגט, יא! זאכן רוקן זיך! די מעסעדזש איז געווען קלאר! ס'איז דא א באשעפער אויף דער וועלט!**

נישט אז איך רעד צו אויבערשטן, איך בעט דעם אייבערשטן ער זאל מיר העלפן מיט אלעס וואס איך דארף, כ'האב געהאט א גאנצע ליסט מיט זאכן אויף מיין "תפילה-צעטל", הייליגער באשעפער העלף מיר, באשעפער ווייז מיר אז דו הערסט מיך אויס, האסט מיר שוין אזוי סאך זאכן געהאלפן, בעט איך דיר העלף מיר ווייטער, מאך מיר לעכטיג אין די אויגן, העלף מיר אייבערשטער איך זאל זען אז זאכן רוקן זיך, אזוי האט זיך מיין הארץ געעפנט, איך האב געהערט ווי מ'זינגט אונטן "אשא עיני אל ההרים" פון ר' שלמה קארלבאך ע"ה, אוי הייליגער באשעפער, נאר דו קענסט מיר העלפן, עזרי מעם השם!

פלוצלונג האט מיין טעלעפאן געגעבן א טרייסל, וואס איז? אברהם יושע איז א חתן! כ'האב אזוי געוויינט פאר שמחה אז ווער ווייסט צו דער האדסאן ריווער איז נישט געווארן העכער מיט א אינטש!

כ'האב מיך אזוי געפרייט אז דער אייבערשטער זאגט, יא! זאכן רוקן זיך! די מעסעדזש איז געווען קלאר! ס'איז דא א באשעפער אויף דער וועלט!

אויף וויפל איך געדענק איז ר' אברהם יושע געווען די ערשטע שידוך אין אמעריקע וואס האט געפאלגט דאס וואס מוהרא"ש האט זיך געבעטן אז ביי א שידוך דארף מען קוקן וואס איז תכלית און נישט ווארטן ביז די עלטער מומע'ס שכנ'טעס טעראפיסט'ס קעצעלע'ס עצה-געבער זאגט אז דער בחור מעג שוין חתונה האבן ווייל ער איז שוין צוויי און צוואנציג און ער איז שוין גענוג מאטשור צו זאגן פאר זיינע חברים אז עפעס איז ראנג מיט זיין ווייב ווייל זי בעט אים ער זאל אהיימקומען העלפן האלטן די וויינעדיגע בעיבי.

ווען אברהם יושע האט זיך אויפגעשטעלט מיט זיין דרשה מוצאי שבת חנוכה האב איך שטילערהייט געבעטן דעם אייבערשטן, הייליגער באשעפער, וואס קען איך דיר באדאנקען פאר די ברסלב'ע חדר, הייליגער באשעפער איך בין דיר שולדיג מיין לעבן.

קהל היכל הקודש
קרית ברסלב

# מודעה

**מיר ווילן דערמאנען דריי וויכטיגע נקודות פאר די חשובע איינעוואוינער אין שטעטל.**

**1) אלע וואס זענען נאכנישט איינגעשריבן צו קענען שטומען זאלן זיך ביטע מעלדן צו מו"ה לייבי ראטה הי"ו און ער וועט דאס מסדר זיין אם ירצה השם על צד היותר טוב.**

**2) אויב האט איר נאכנישט קיין סטריט לייט פארנט פון אייער הויז קענט איר זיך מעלדן צו מו"ה אברהם יצחק אייזנער הי"ו וואס וועט אייך ארויסהעלפן אויספילן די פאפירן דערפאר.**

**3) אויב דארפט איר הילף מיט אויספילן די צעטלעך פאר די שטאטישע פראגראמען ביטע מעלדט אייך צו מו"ה אשר בער אינדארסקי הי"ו.**

181 Huschke Rd. Hurleyville NY 12747 • kiryasbreslevliberty@gmail.com • 845-640-4024

# הילולא קדישא




## מורינו
## רבי נתן מברסלב
## זיע"א
## י' טבת תר"ה

### די גרויסקייט פון מקוה

דער הייליגער רבי נתן זכרונו לברכה האט געזאגט: "מקוה איז דער זעלבער לשון פון תקוה, אז מען גייט אין מקוה האט מען א תקוה אז מען וועט אלעס פארעכטן". דער הייליגער בעל שם טוב זכותו יגן עלינו האט געזאגט אז ער איז צו געקומען צו אלע זיינע מדריגות ווייל ער איז געווען זייער נזהר צו גיין אין מקוה יעדן טאג. אזוי אויך איז באוואוסט וואס דער הייליגער רבי אהרן קארלינער זכותו יגן עלינו האט געזאגט: "מקוה איז טאקע נישט קיין מצוה, אבער צו וואס מקוה קען צוברענגען קען נישט קיין שום אנדערע מצוה צוברענגען".

עצתו אמונה ויצא תשע"ח

### די תיקון חצות ביי רבי נתן

רבי נתן'ס חולק האט געשיקט איינער פון זיינע תלמידים מיט א שליחות צו רבי נתן'ס שכן אז ער זאל אינמיטן דער נאכט הרג'ענען רבי נתן, למעשה האט יענער עס נישט געטון, שפעטער האט ער געפרעגט דעם חסיד: "פארוואס האסטו נישט געטון וואס איך האב דיר געהייסן"? האט ער געענפערט: "איך קען נישט שלעכטס טון פאר רבי נתן, איך הער יעדע נאכט ווי ער זאגט מיט אזא זיסקייט 'תיקון חצות', און איך הער יעדע שבת ווי ער זינגט זמירות מיט אזא חן, איך בין טאקע א חסיד פון אייך אבער דעם איד קען איך נישט שלעכטס טון".

עצתו אמונה תולדות תשע"ז

### נישטא קיין צייט צו ענטפערן פאר מתנגדים

מען האט אמאל געפרעגט רבי נתן ז"ל ווי אזוי ער האט זיך געקענט דערהאלטן ווען עס האט געברענט די מחלוקת אויף אים, האט ער געזאגט: "דער רבי האט מיר געגעבן אזוי סאך שיעורים וואס איך דארף לערנען יעדן טאג, אז איך האב נישט קיין צייט צו הערן און צו ענטפערן פאר מיינע מתנגדים".

עצתו אמונה תולדות תשע"ז

### לערנען דעם הייליגן רבינ'ס ספרים

מאך דיר א שיעור אין הייליגן רבינ'ס ספרים וועסטו ווערן אפגעוואשן פון קאפ ביז פיס; געדענק וואס רבי נתן ז"ל האט געזאגט פאר ער איז אוועק: "אפילו דער גרעסטער בעל עבירה, אויב וועט ער זיך האלטן אין הייליגן רבי'ן וועט אים דער רבי מתקן זיין". וואס דארפסטו מער פון אזעלכע ווערטער, מען זעט דאס ממש בחוש, אז ווער עס הייבט אן לערנען דעם רבי'נס ספרים ווערט געטוישט מקצה אל הקצה, זאל זיין ווער עס זאל זיין..

עצתו אמונה תולדות תשע"ז

### טאנצן יעדן טאג

רבי נתן האט געזאגט פאר זיין תלמיד: "אז דו וועסט טאנצן יעדן טאג, וועסטו נישט אנקומען אין גיהנום"; פאלג רבי נתן און כאפ א טענצל, דאנק דעם אייבערשטן אז דו ביסט געזונט וכו' וכו', מיר טאנצן יעדן טאג אין ישיבה נאך שחרית און נאך מעריב, אבער ס'זענען דא בחורים וואס זיצן אין די זייט מרה שחורה'דיג, זאג איך זיי: "קוק, עס איז דא א בחור וואס האט נישט קיין פיס און ער איז פרייליך און ער טאנצט מיט זיין ווילטשער ל"ע, פארוואס זאלסטו זיצן אין די זייט ווען דו האסט געזונטע פיס?!.

עצתו אמונה חיי שרה תשע"ז






## וואו נעמט מען א הארץ ווי איר האט?

די גאנצע לעבן קען מען אויסגראדן אז מען ווייסט ווי אזוי צו רעדן, ווארעם און הארציג; רבי נתן האט אמאל גערעדט צו זיינע תלמידים פון זאגן תהלים מיט א חיות און מען זאל זיך אויס גיסן דאס הארץ צום אייבערשטן, האט זיך איינער אנגערופן פאר רבי נתן און געזאגט: "וואו נעמט מען א הארץ ווי איר האט?" האט רבי נתן געענטפערט: "דו האסט אויך אזא הארץ נאר דו באהארצט עס נישט".

דאס זעלבע האב איך געזאגט פאר א אינגערמאן וואס האט מיר געפרעגט: דער ראש ישיבה זאגט אייביג אז א ווייב איז א גוטע זאך און מען קען עס 'אינדשויען' און א ווייב איז די לעבן, פרעגט ער מיך: ווי נעמט מען אזא ווייב? זאג איך אים: "דו האסט אויך אזא ווייב, נאר די בא'ווייב'סט עס נישט"..

עצתו אמונה נח תשע"ז

## רבי פארוואס וויינט איר אזוי?

רבי נתן איז אמאל אריינגעקומען צום רבי'ן און געזען ווי דער רבי וויינט זייער שטארק און קען זיך נישט בארואיגן, און ער האט געפרעגט דעם רבי'ן פארוואס דער רבי וויינט אזוי שטארק? ענטפערט אים דער רבי: "ווי קען מען אויסטראכטן אויף מיר אזעלכע שקרים וכו' וכו', און רבי נתן האט נישט פארשטאנען פארוואס דער רבי וויינט, וואס גייט דיר אן וואס יענער רעדט אויף דיר? האט ער געזאגט, איז וואס?! אבער שפעטער ווען רבי נתן האט געהאט זיין מחלוקת און מען האט אים נאר געוואלט הרג'נען רח"ל האט ער שוין פארשטאנען פארוואס דער רבי האט געוויינט; עס איז נישט אגעגאנגען פארן רבי'ן אז ער רעדט אויף אים, עס האט ווי געטון פארן רבי'ן אז מענטשן וועלן נישט קענען מקורב ווערן ווייל דער זקן זאגט אויף אים אזא לשון הרע.

עצתו אמונה כי תבא לאומאן תשע"ו

## מכבד זיין טאטע מאמע

וזיי מכבד דיין טאטע און ווער נישט באלײדיגט אז ער שרייט אויף דיר; עס איז נישט געפערליך ווען א טאטע זאגט פאר א קינד וואס צו טון. דו זיי אים ווייטער מכבד אפילו ער שרייט אויף דיר אז דו ביסט געווארן א ברסלב'ער וכו', און אז דו וועסט אים ווייטער מכבד זיין וועט זיך ביים סוף אלעס איבערדרייען לטובה. וואס דארפסטו מער פון ר' נתנ'ס טאטע, ווי ער האט גע'רודפ'ט רבי נתן עד לחרמה; ער האט אים נישט אריין געלאזט ביי זיך אין שטוב און ער האט נאר געוואלט אז זיין שניר - רבי נתנ'ס ווייב - זאל זיך גט'ן פון אים... און שפעטער האט זיך אלעס איבערגעדרייט, אזוי ווייט אז ער פלעגט אים רופן מיט א ר', רבי נתן, און רבי נתן פלעגט אים זאגן: "טאטע, רוף מיר נישט ר'", האט ער אים געזאגט: "פון דיר האב איך דאס מערסטע נחת".

עצתו אמונה בלק תשע"ח

## זיין ביים הייליגן רבי'ן ראש השנה

דער הייליגער רבי נתן האט געזאגט אז אפילו מען זאל אויסלייגן אויפן גאנצן וועג פון זיין שטוב ביזן רבינ'ס ציון שטעכעדיגע נעגליך, וועט ער קריכן אויף דעם און זיך נישט צוריק האלטן, ווייל מען מוז קומען צום רבי'ן אויף ראש השנה.

עצתו אמונה ל"ג בעומר תשע"ז

## דיבורי אמונה והתחזקות

אַמָאל אִיז אַ אִיד גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן נֶעמֶען אַבִּיסְל חִיזוּק; בִּכְלַל דַארְף מֶען וִויסְן אַז אַלֶע דִיבּוּרִים וָואס רֶבִּי נָתָן הָאט גֶערֶעדְט אִיז גֶעוֶוען בְּעִיקָר פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דָאס הָאט עֶר אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר אַלֶע זַיינֶע תַּלְמִידִים, אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אַנְדֶערֶע תַּכְלִית אוֹיף דִי וֶועלְט נָאר צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - אִים צוּ דַאנְקֶען, אוּן וֶוען מֶען דַארְף עֶפֶּעס זָאל מֶען נָאר צוּ אִים מִתְפַּלֵל זַיין.

דֶער אִיד הָאט גֶעזָאגְט פַאר רֶבִּי נָתָן אַז עֶר מַאכְט יֶעדְן טָאג הִתְבּוֹדְדוּת אַזוֹי וִוי רֶבִּי נָתָן הָאט אִים גֶעלֶערְנְט, פְרֶעגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "וָואס בֶּעטְסְטוּ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן?" הָאט דֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ בֶּעט זוֹכֶה זַיין צוּ מַדְרֵיגוֹת וְכוּ'", פְרֶעגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "זָאג מִיר, פַּרְנָסָה הָאסְטוּ?" עֶנְטְפֶערְט דֶער אִיד: "נֵיין", זָאגְט אִים רֶבִּי נָתָן: "הֶער מִיךְ צוּ, דוּ זָאלְסְט בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף פַּרְנָסָה, וַוייל דָאס אִיז דַיין אֱמֶת"; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט צוּ אַלֶע תְּפִילוֹת אַזוֹי וִוי עֶס שְׁטֵייט (תְּהִלִים קמה, יח): "קָרוֹב ה' לְכָל קֹרְאָיו", אָבֶּער נָאךְ מֶער נֶעמְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אָן דִי תְּפִילוֹת וָואס אִיז מִיט אַן אֱמֶת - "לְכֹל אֲשֶׁר יִקְרָאֻהוּ בֶאֱמֶת".

עצתו אמונה בא תשפ"א



# א מעשה
## פון א צדיק



## נֵר תָּמִיד

פוּן וֶוען רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי נָתָן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן צִינְדְן אַ נֵר תָּמִיד בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס צִיוּן, וָואס רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס הָאט דָאס אַוֶועקְגֶעשְׁטֶעלְט, הָאט רֶבִּי נַחְמָן זֵייעֶר גֶעגַארְט צוּ זוֹכֶה זַיין צוּם טוּן דֶעם מִצְוָה. פוּן וֶוען עֶר הָאט זִיךְ גֶעצוֹיגְן קַיין אוּמַאן פְלֶעגְט עֶר נִזְהָר זַיין צוּ צִינְדְן דִי נֵר תָּמִיד יֶעדְן אֵיינְצִיגְסְטְן טָאג.

יֶענֶע צַייט פְלֶעגְט דִי צִיוּן זַיין פַארְמַאכְט, אוּן דִי שְׁלִיסְל פְלֶעגְט לִיגְן בַּיי רֶבִּי נַחְמָן. אֵיינְמָאל הָאבְן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִים גֶעוָואלְט גֶעבְן אַ נֵייעֶם פֶעלְץ, וַוייל זַיין פֶעלְץ אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען אַלְט אוּן אָפְּגֶערִיבְן, אָבֶער רֶבִּי נַחְמָן הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט וַוייל אוֹיבּ וֶועט עֶר הָאבְן אַ נֵייעֶם פֶעלְץ וֶועט עֶר שׁוֹין דַארְפְן אָבַּאכְט גֶעוֶוען עֶס זָאל נִישְׁט וֶוערְן פַארְשְׁמִירְט פוּן אוֹיל, אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר נִישְׁט קֶענֶען זַיין גֶעוָוארֶענְט צוּ אָנְצִינְדְן דִי נֵר תָּמִיד.



אַזוֹי שְׁטַארְק אִיז עֶר גֶעוֶוען נִזְהָר אִין אָנְצִינְדְן דִי נֵר תָּמִיד אַז אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְן גֶעזָאגְט אַז אִין זַיין צַייט אִיז דֶער נֵר תָּמִיד קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען פַארְלָאשְׁן, עֶר פְלֶעגְט נָאכְגֵיין וֶועלְכֶע עֶס אִיז דִי בֶּעסְטֶע קְנוֹיטְן אוּן דִי בֶּעסְטֶע גְלֶעזְל.

דִי מִנְהָג בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיז טַאקֶע אַז אִין יֶעדְן שׁוּל וָואס אִיז עַל שֵׁם רַבֵּינוּ ז"ל צִינְדְט מֶען אָן אַ נֵר תָּמִיד מִיט שֶׁמֶן זַיִת, עֶס אִיז דָא אַ גַבְּאַי וָואס אִיז גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיף דֶעם, אוּן עֶר נֶעמְט צַאם דִי גֶעלְט פַאר דֶעם.

אֵיינְמָאל פְרַייטָאג צוּנַאכְטְס פַּרְשַׁת בְּשַׁלַּח שַׁבָּת שִׁירָה, אִיז רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער גֶעגַאנְגֶען מִיט רֶבִּי נָתָן צוּ אַ שָׁלוֹם זָכָר צוּ אֵיינֶעם וָואס אִיז גֶעוֶוען בַּאקַאנְט מִיט רֶבִּי נָתָן. דָארְט אִיז גֶעוֶוען אַ חַזָּן, אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט אִים גֶעבֶּעטְן צוּ זִינְגֶען אַ שְׁטִיקְל לְכָבוֹד שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אָבֶער דֶער חַזָּן אִיז גֶעוֶוען אַ מִתְנַגֵד, אוּן כְּדֵי אוֹיפְצוּרֶעגְן רֶבִּי נָתָן הָאט עֶר בְּשׁוּם אוֹפָן נִישְׁט גֶעוָואלְט זִינְגֶען.

הָאט רֶבִּי נָתָן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן צוּ רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער: "זִינְג דוּ", הָאט עֶר אָנְגֶעהוֹיבְּן זִינְגֶען, אוּן עֶר הָאט גֶעזִינְגֶען אַ שְׁטִיקְל מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע זִיסְקֵייט פַאר אַלֶע וָואס זֶענֶען גֶעוֶוען דָארְט.

נָאכְדֶעם הָאט רֶבִּי נָתָן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: "אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעוִויסְט אַז דוּ קֶענְסְט בִּכְלַל זִינְגֶען". דֶער חַזָּן הָאט זִיךְ פַארְשֶׁעמְט פוּן אַלֶע פַארְזַאמֶעלְטֶע.

דִי רָב פוּן טְשֶׁערִין זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט פַארְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְן גֶעקֶענְט רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער פוּן דִי יוּנְגֶע יָארְן, אַז בֶּאֱמֶת הָאט עֶר נִישְׁט גֶעהַאט דֶעם שֵׁיינֶעם קוֹל אִין דִי יוּגְנְט.

פוּן דֶעמָאלְט אָן פְלֶעגְט עֶר זִינְגֶען פַאר רֶבִּי נָתָן בַּיי דִי סְעוּדַת שַׁבָּת אוּן בַּיי נָאךְ גֶעלֶעגֶענְהֵייטְן.

אָבֶער פַארְן עָמוּד הָאט רֶבִּי נָתָן מוֹרָא גֶעהַאט אִים צוּ צוּשִׁיקְן, וַוייל עֶר הָאט גֶעוִויסְט אַז פוּן רוֹב בְּרֶען אוּן הַרְגָשָׁה וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט אִינֶעם דַאוֶונֶען, אוּן אוֹיךְ פוּן דִי אֵימָתָא דְצִיבּוּרָא, קֶען עֶר אוֹיפְהֵייבְן זַיין קוֹל צוּ הוֹיעֶךְ אוּן דִי שְׁטִימֶע בֶּענְדְלֶעךְ וֶועט וֶוערְן גֶעשֶׁעדִיגְט חַס וְשָׁלוֹם (אַזוֹי וִוי עֶס טְרֶעפְט זִיךְ בַּיי חַזָּנִים), פוּנְדֶעסְטְוֶועגְן נָאךְ דִי פְּטִירָה פוּן רֶבִּי נָתָן הָאבְן אִים אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ צוּגֶעשִׁיקְט צוּם עָמוּד רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם כִּיפּוּר.

(ספר אילן החיים סימן קמ -קמג)



# דעם הייליגן רבי'נ'ס לעבנסגעשיכטע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |



## - נ"ח -

**פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:** נִישְׁט לַאנְג שְׁפֶּעטֶער נָאכְן צוּרִיק קוּמֶען פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל צוּ זַיין הוֹיז אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, הָאט דֶער רֶבִּי אַ שִׁידוּךְ גֶעטוּן מִיט זַיין עֶלְטְסְטֶע טָאכְטֶער אָדְל, מִיט רֶבִּי יוֹסְקֶע, אַ זוּן פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי אַבְרָהָם דוֹב מִחְמֶעלְנִיק זי"ע, אַ תַּלְמִיד פוּן מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זי"ע.

* * *

רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל הָאט דֶער רֶבִּי חֲתוּנָה גֶעמַאכְט זַיין טָאכְטֶער אָדְל. דִי חֲתוּנָה אִיז פָארְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט חְמֶעלְנִיק, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז אַהִינְגֶעפָארְן מִיט דִי גַאנְצֶע מִשְׁפָּחָה, וִוי דֶער סֵדֶר אִיז.

בַּיי דִי חֲתוּנָה הָאט זִיךְ אוֹיךְ בַּאטֵיילִיגְט זַיין מַאמֶע דִי צַדֶיקֶת מָרַת פַיְיגָא, אוּן זִי הָאט גֶעזֶען בַּיי דִי חוּפָּה אִיר זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע, וַוייל זִי אִיז גֶעוֶוען אַ צַדֶיקֶת אוּן בַּעֲלַת רוּחַ הַקוֹדֶשׁ, אִירֶע בְּרִידֶער הָאבְּן אִיר גֶעהַאלְטְן מַמָשׁ וִוי אֵיינֶע פוּן דִי נְבִיאוֹת.



נָאךְ דִי חֲתוּנָה הָאט דֶער רֶבִּי אַ שִׁידוּךְ גֶעטוּן מִיט זַיין דְרִיטְן טָאכְטֶער, מִרְיָם, מִיט רֶבִּי פִּנְחָס, אַ זוּן פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי לֵייבּוּשׁ פוּן וָואלְטְשִׁיסְק זי"ע, אַ תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן מַגִּיד פוּן מֶעזְרִיטְשׁ זי"ע.

כָּאטְשׁ וָואס דֶער רֶבִּי הָאט זַייעֶנְדִיג אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אִיר שׁוֹין מְשַׁדֵךְ גֶעוֶוען מִיט רֶבִּי שְׁמוּאֵל, אַ זוּן פוּנֶעם גְבִיר רֶבִּי מֹשֶׁה זי"ע, דֶער זוּן פוּנֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי מֶענְדְל מְוִויטֶעבְּסְק זי"ע [ווי דֶערְמַאנְט אוֹיבְן אִין אוֹת רנ"ה], וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אָבֶער צוּרִיק גֶעפָארְן קַיין חוּץ לָאָרֶץ, אִיז דֶער חָתָן רֶבִּי שְׁמוּאֵל נִפְטָר גֶעוָוארְן, אוּן מִיט אוּמְגֶעפֶער דְרֵיי יָאר שְׁפֶּעטֶער, אִין יָאר תקס"א, אִיז אוֹיךְ זַיין טַאטֶע רֶבִּי מֹשֶׁה נִפְטָר גֶעוָוארְן, דֶערְפַאר הָאט דֶער רֶבִּי יֶעצְט גֶעמַאכְט אַ צְוֵוייטֶע שִׁידוּךְ מִיט אִיר.

גְלַייךְ נָאךְ דִי חֲתוּנָה אוּן דֶער שִׁידוּךְ פוּן זַיין טָאכְטֶער מִרְיָם, אִיז דֶער רֶבִּי שׁוֹין נִישְׁט צוּרִיק גֶעגַאנְגֶען צוּ זַיין הוֹיז אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, נָאר עֶר אִיז גְלַייךְ גֶעפָארְן צוּם שְׁטָאט זְלַאטִיפָּאלֶע, וָואס אִיז וַוייט 263 קִילָאמֶעטֶער פוּן שְׁטָאט חְמֶעלְנִיק.

דֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם שְׁטָאט זְלַאטִיפָּאלֶע, וָואס אִיז נָאר 28 קִילָאמֶעטֶער וַוייט פוּן שְׁטָאט שְׁפָּאלֶע.

דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיין אִין שְׁטָאט זְלַאטִיפָּאלֶע אָן דֶעם וָואס עֶר זָאל לָאזְן וִויסְן פְרִיעֶר דִי אָרְטִיגֶע קְהִלָה, עֶר הָאט קֵיינֶעם נִישְׁט גֶעפְרֶעגְט, נָאר עֶר הָאט זִיךְ גֶעדִינְגֶען דָארְט אַ דִירָה, אוּן הָאט זִיךְ פְלוּצְלִינְג דָארְט בַּאזֶעצְט. פוּן דֶעסְט וֶועגְן הָאט מֶען אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען דָארְט זֵייעֶר שֵׁיין מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד.

### שְׁנַת תקס"א

רֹאשׁ הַשָּׁנָה שְׁנַת תקס"א זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן אַסַאךְ אִידְן, אִיבֶּער הוּנְדֶערְט מֶענְטְשְׁן. דֶער רֶבִּי הָאט גָארְנִישְׁט צוּגֶעגְרֵייט פַאר זֵיי, וַוייל עֶר אַלֵיין אִיז נָאךְ גֶעוֶוען דָארְט אַ גַאסְט, עֶר הָאט זִיךְ אַהִינְגֶעצוֹיגְן מַמָשׁ פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דִי אָרְטִיגֶע אִידְן הָאבְּן אָבֶער זֵייעֶר שֵׁיין אוֹיפְגֶענוּמֶען אַלֶע גֶעסְט בַּיי זִיךְ, זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעבֶּעטְן בַּיים רֶבִּין עֶר זָאל קוּמֶען דַאוְוענֶען מִיט זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אִין דִי גְרוֹיסֶע שׁוּל אִין שְׁטָאט, וַוייל דָארְט וֶועט זַיין בְּרֵייט פְּלַאץ פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיף אַ גֶעשְׁמַאקְן פַארְנֶעם. דֶער רֶבִּי הָאט טַאקֶע אָנְגֶענוּמֶען דִי אַיינְלַאדֶענוּנְג אוּן הָאט גֶעדַאוְונְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִינֶעם גְרוֹיסְן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

דִי אִידְן פוּן שׁוּל הָאבּ אַלֶעס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַארְ'ן רֶבִּי'ן, עֶר זָאל זָאגְן וֶוער סְ'זָאל זַיין דִי בַּעֲלֵי תְּפִלוֹת, דִי תְּקִיעוֹת, אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אוּן דֶער רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז אַרִיבֶּער בְּשָׁלוֹם מִיט גְרוֹיס פְרֵייד.

יֶענֶעם רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק "וְיִתֶּן עֹז לְמַלְכּוֹ" (שְׁמוּאֵל-א' ב', י'), וָואס מְ'זָאגְט אִין דִי הַפְטוֹרָה דֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג רֹאשׁ הַשָּׁנָה. דִי תּוֹרָה אִיז גֶעדְרוּקְט אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן ע"ח.

יוֹם כִּיפּוּר הָאבְּן דִי חַזָנִים גֶעדַאוֶוענְט לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט, צוּ מִנְחָה אִיז אָבֶער צוּגֶעגַאנְגֶען אֵיינֶער אָן רְשׁוּת פוּן רֶבִּי'ן, אוּן וֶוען סְ'אִיז גֶעקוּמֶען צוּ נְעִילָה אִיז יֶענֶעמְ'ס שְׁוֶוער צוּגֶעגַאנְגֶען דַאוֶוענֶען פַארְ'ן עָמוּד אָן רְשׁוּת פוּן רֶבִּי'ן, עֶר אִיז אָבֶער שְׁטוּם גֶעוָוארְן אִינְמִיטְן דַאוֶוענֶען, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט עֶפֶענֶען זַיין מוֹיל בְּשׁוּם אוֹפָן, בִּיז עֶר הָאט גֶעמוּזְט אַוֶועקְגֵיין פוּן עָמוּד מִיט גְרוֹיסֶע בּוּשׁוֹת, אוּן אַ צְוֵוייטֶער הָאט זִיךְ צוּגֶעשְׁטֶעלְט אַנְשְׁטָאט אִים.

פָּארְזֶעצוּנְג קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"**



# קאווע אין ברסלב

ישראל דוד העסקעל

**אין** שטיי געשמאק מיטן טלית אויף די פלייצע, מיינע פינגער פארן אדורך די ציצית, ס'איז חנוכה ס'איז א פרייליכע צייט, איך בין גוט אויפגעלייגט. שטיי איך דארט אויף מיין פלאץ אין שול און א חבר מיינער לייגט אראפ זיין טלית זעקל נעבן מיר און באגריסט מיך מיט א ווארימע גוט מארגן און פרעגט מיר:

וואס זאגסטו, זאל איך מיך גיין מאכן א קאווע אדער זאל איך היינט זיין א ברסלב'ער?

מיין אוטו רעפליי האט גראד געענטפערט אז זיין א ברסלב'ער האט נישט צו טון מיט קאווע, אויב רעדסטו צום אייבערשטן, דו לערנסט יעדן טאג תורה דיינע שיעורים כסדרן, ביזט מכבד די וויב, דו לערנסט דעם רבינ'ס ספרים קענסטו זיך פאררופן א ברסלב'ער און זאגן אז דו ביסט א ברסלב'ער אבער פון נישט טרינקען קאווע פארן דאווענען ווערט מען נישט קיין ברסלב'ער.....

שכח אייבערשטער אז פונקט אין יענע טעג איז געווען א שיעור פון דער ראש



ישיבה וועגן די זאך פון טרינקען קאווע פארן דאווענען. דער ראש ישיבה האט געזאגט אז דער הייליגער רבי האט זיך אויסגעדרוקט מעולם לא שתה אפילו מים לפני התפלה, דער הייליגער רבי האט אפילו וואסער נישט געטרינקען פארן דאווענען. דער ראש ישיבה האט צוגעלייגט אז ער פרובירט נישט צו טרינקען אויב קען ער, אבער א מענטש איז נאר א מענטש און צומאל מאכט זיך אז ס'נעמט צייט ביז מ'איז גרייט צו דאווענען דארף מען האבן כח, ס'ווענדט זיך יעדער ווי אזוי ער שפירט זיינע כוחות אויב קען מען גלייך זיך שטעלן דאווענען און נישט טרינקען קאווע און דאווענען געשמאק איז אסאך בעסער, אבער אויב שפירט זיך א מענטש שוואך דאן קען ער יא טרינקען.

יענער געבט א שמייכל און זאגט: יא יא גערעכט ביסטו, אויב פאלגט מען נישט דעם רבינ'ס עצות און מ'פירט זיך נישט ווי אזוי דער רבי האט אונז געלערנט האט מען



טאקע נישט מיט ברסלב...

א צווייטער אידל ווען איך קען, גייט מיר דורך און זאגט א ווארימע גוט מארגן און פרעגט מיר: נא וואס זאגסטו עפעס גוטס?

שכוח אייבערשטער אז איך קען זיין פריילך! ביסט שוין היינט געווען פריילך פרעג איך אים?

נישט סתם! ענטפערט ער, און ער הייבט אן דורכגיין אלע ברכות און פרעגט מיר צוריק: האסט שוין געזאגט היינט שכוח אייבערשטער אז דו האסט גענפנט די אויגן און אויפגעשטאנען? דו ווייסט וויפיל מענטשן האבן ליידער דאס נישט באוויזן היינט?

און אזוי איז ער דורך אלע ברכות, האסט שוין געדאנקט דעם אייבערשטן אז דו ביסט נישט אין תפיסה? דו ווייסט איך האב א חבר וואס מ'האט אים יעצט ארייגעשליידערט פאר פופצן יאר!!! האסט שוין געזאגט שכח אייבערשטער אז דו קענסט זיך דרייען אויף די פריי?

האסט שוין געזאגט שכח אייבערשטער אז דו ליגסט נישט פארווארפן אין עפעס א שפיטאל? דו ווייסט וויפיל אידן ליגן נעבעך אויף א שפיטאל בעטל און ווייסן נישט וואס דער טאג גייט זיי ברענגען?

ס'איז אינטערעסאנט אנצומערקן וואס דער ראש ישיבה האט לעצטנס דערמאנט ביי איינע פון די שיעורים אז א בחור איז אים געקומען זאגן אז ס'איז אים איינגעפאלן גאר לייכטע ווען ווי אזוי זיך צו קענען האלטן רואיג און פריילך אפילו

ווען ביי אים אין שטוב ווערט אנגעצויגן.

ער זאגט אז יעדעס מאל וואס זיינע עלטערן שרייען אויף אים אדער זידלען אים טראכט ער 'בעסער דאס ווי די שיינע זיסע שטילע רחמנות'דיגע 'גוט מארגן' ווי אזוי פילסטו' פון א נורס אין שפיטאל וואס מאכט זיך שמייכלען זיס...'.

פארשטייט זיך אז דער לימוד איז נישט דווקא פאר א בחור, נאר דאס איז זייער א שטארקע עצה ווען אימער אויף וועלכע מצב א מענטש גייט אדורך און באקומט בזיונות צו אין שטוב אדער אין די ארבעט אז ס'גייט שווער דו כאפסט אריין מ'רעדט נישט שיין צו דיר געב א זאג: שכח אייבערשטער אז איך ליג נישט אין עפעס א שפיטאל בעטל וואו מ'רעדט שיין, שכח אייבערשטער אז איך בין געזונט און איך קען זיך באוועגן און אז מ'רעדט נישט שיין צו מיך... אויך נישט געפערליך... אלץ בעסער ווי דעם שיינעם גוט מארגן פונעם קראנקן שוועסטער...

בקיצור איך האב בכלל נישט דאס געמיינט מיטן אנהייבן דעם שמועס... איך האב סך הכל געמיינט די נקודה לאמיר זיין פריילך טו זיך אן א שמייכל און זאג שכח אייבערשטער! אבער ס'גאנץ פיין געווען אנצוהייבן דעם טאג מיט דעם אינדשעקשאן.

צום סוף געבט מיר דאס אידל א פיר אויס מיט א מורא'דיגע ווארט פון הגאון רבי אביגדור מילער זצ"ל.

ער זאגט מיר אז ער האט אמאל געהערט אויף א טעיפ פון ר' אביגדור ווי ער זאגט אז מענטשן לייגן נישט צו קאפ צו יעדער קליינעקייט וואס דער אייבערשטער טוט מיט אונז נאר חסדים, ער האט געפרעגט איינע פון די אנוועזנדע דארט: האסטו שוין היינט געזאגט שכח אייבערשטער פאר די לאך פונעם קנעפל?

ווער מיינסטו האט באשאפן דעם לאך אז דער קנעפל זאל האבן וואו אריינצוגיין?





דאס איז איין שטיק חסד השם, וואלסטו זיך אן עצה געגעבן אן קיין קנעפל? די הויזן וואלט דיר געהאלטן אין איין פאלן, די העמד וואלט נישט געווען מסודר, האט דער אייבערשטער רחמנות געהאט און באשאפן א קנעפל מיט א לאך צו מאכן דעם מענטש לייכטער, אויף דעם דארף מען דאך אויך דאנקען דעם אייבערשטן!!!

דער מעשה האט מיך צוריק געטראגן צו אן ענליכע מעשה פון הגאון רבי אביגדור זצ"ל. איך בין געווען א בחור אין די יארן און אזוי ווי אסאך בחורים בין איך געווען זיכער אז פאר יעדן איז דא א שידוך נאר נישט פאר מיך... איך וועל שוין זיכער קיינמאל נישט חתונה האבן. און אזוי ווי אסאך אנדערע בחורים וואס טראכטן אזוי, האב איך אויך געהאט א בוך מיט ראיות פארוואס יעדער וועט זיכער חתונה האבן נאר נישט איך!

דעמאלט האט מיר א איד (מיין צוקונפטיגע שווער) זייער שטארק מחזק געווען און מיך פארציילט די גרויסקייט פונעם אייבערשטן וואס דארפסטו געבן עצות דעם אייבערשטן? וואס דארפסטו זארגן זאכן וואס האבן נישט מיט דיר?

האט ער מיר דעמאלט געזאגט אז רבי אביגדור פלעגט זיך אלץ ארומדרייען מיט א מאראנץ קערנדל אין טאש און ווען ס'פלעגט קומען צו אים א מענטש צובראכן פלעגט ער ארויסנעמען דעם קערנדל און פרעגן פאר דעם מענטש אפשר קענסטו מיך מסביר זיין ווי אזוי פון דעם קערנדל קען וואקסן א בוים? ס'האט דאך נישט קיין שכל!

וואס איז דאס א קליינטשיגע קערל וואס ליגט אין יעדער מאראנץ עטליכע פון דעם און ווען מ'לייגט דאס אריין דער ערד וואקסט א בוים, ווי אזוי קען דאס זיין?

נאר דער אייבערשטער איז אזוי גרויס און זיין רחמנות ליגט אין יעדער קלייניקייט וואו א מענטש קוקט איז ער ארומגענומען מיט חסדי השם און דער אייבערשטער האט א קלארע חשבון ווי אזוי ער פירט דער וועלט איז וואס פעלט אויס צו זארגן?

דער ראש ישיבה פארציילט אז אמאל איז איינער אריינגעקומען צו מוהרא"ש זצ"ל און געזאגט פאר מוהרא"ש אז ער האט קשיות אויף די אמונה ער וויל מוהרא"ש זאל אים ענטפערן.

זאגט אים מוהרא"ש זייער גערן אבער קודם וויל איך דיר פרעגן אפשר קענסטו אהערקומען א מינוט? דער איד שפאצירט צו מוהרא"ש פרעגט אים מוהרא"ש אפשר קענסטו מיר זאגן ווער גייט אין דיר?

א שטיק פלייש קען גיין? א טויטע מענטש קען זיך נישט באוועגן, וואס מאכט אז דו זאלסט קענען גיין? ווער זעט אין דיר? ווער רעדט אין דיר?

דער מענטש האט נישט געוואוסט וואס צו ענטפערן, זאגט אים מוהרא"ש דער הייליגער באשעפער ליגט אין דיר ער זעט אין דיר ער הערט אין דיר ער מאכט יעדע סעקונדע דו זאלסט זיך קענען באוועגן און דו קליין קעפעלע האסט קשיות??

שכח אייבערשטער אז מיר זענען זוכה צו לעבן אין א פלאץ ווי דער ראש ישיבה האלט דאס אין איין אריינלייגן אין אונז דער ריינע אמונה וויסן אז אין שום מציאות בלעדיך יתברך כלל דאנקען דעם אייבערשטן יעדע מינוט אויף אזוי פיל גוטס מיט וואס מיר זענען ארומגענומען דאנקען דעם אייבערשטן אויף די זכות אז מיר קענען זיין אין היכל הקודש און נישט קריגן אויפן רבי'ן.

אשרינו שזכינו להתקרב לרבינו!



**Yeled shashiem**
31 vista drive
Liberty ny 12754

# ילד שעשועים

היכל הקודש קרית ברסלב ליברטי

Dear friends,
As our beautiful new kimpeturin heim **'Yeled Shashiem'** opens it's doors, we are very excited to welcome and assist you during your stay. We are looking forward to extend our services with the utmost dedication, and ensure your stay is as pleasant as possible.
In order for our operations to run smoothly, please take note of the following guidelines:
If you want to reserve your stay, you must call Mrs Chaya Appel within the 48 hours after your baby was born. She can be reached at 7186369667 or 3474966683.
We eagerly await to host everyone in need, but unfortunately we will not be able to accommodate you if you have already visited another facility.
Thank you for your understanding!

**Chaya Appel**
**Yeled shashiem committee**

## א גרויסן ישר כח!

רחל דעפריס
רחי וועבערמאן
ח"רייזי ניימאן
שרי אפפעל
שרהלע פיש

מיט אנגרייטן און סערווירן
די קימפעטארןס

גיטי גאטליב
רחעלע אפפעל

ארויס העלפן
מיט די בעבים

רחי ראטענבערג
נעמי מענדלאוויטש

גראפיקס

אסתי מזרחי
תמי פינטער
זלאטי פריינד

ארגאנעזירן די עסן פאר
די קימפעטארןס אויפן
העכסטן סטאנדארט

# סעודה מיט'ן ראש ישיבה

סעודת שבת קודש אינדערפרי

פרשת וישלח תשפ"ד



**איבערגעגעבן דורך הבחור החתן ישראל שמעון שטיינבערג נ"י און הבחור לוי יצחק האראוויץ נ"י:**

## זיך באהאלטן מיט הפצה?

אויפן וועג אהיים האבן אפאר אינגעלייט באגלייט דעם ראש ישיבה, א אינגערמאן האט געפרעגט דעם ראש ישיבה ווי אזוי קען ער מאכן ער זאל נישט דארפן באהאלטן פון זיין ווייב אז ער גייט הפצה? האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר דעם אינגערמאן פארוואס דארפסטו מאכן די זאך פון הפצה אזא זאך ווי באהאלטן אדער זאגן? ווען דו עסט א דעניש זאגסטו פאר דין ווייב אז דו האסט געגעסן היינט א דעניש אדער באהאלטסט עס? ווען דו לייגסט דיין הענט אין טאש זאגסטו פאר דיין ווייב אז דו האסט ארייגעלייגט דיין הענט אין טאש אדער רעדסט פשוט נישט דערפון, פארוואס זאל הפצה נישט זיין ביי דיר אזוי... דארפסט נישט זאגן אז דו גייסט און אויך נישט לעבן מיט די געפיל אז דו שפילסט איינעם אויס. איך האב זיך פארצייכענט דעם שמועס ווייל דאס איז א נייע שכל פאר מיר געווען, איך האב נישט געטראכט אז מען קען עוסק זיין אין הפצה און זיך נישט מבלבל זיין פון גארנישט.

## יענע וועלט

ווען מען איז אנגעקומען צו דער ראש ישיבה אינדערהיים, ביים ארויפגיין די טרעפ האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר די קינדער אז ווען ער גייט ארויפקומען אויף יענער וועלט וועט די מלאך ברענגען אלע עבירות און מצוות, מען וועט דאס לייגן אויפן וואגשאל און עס וועט זיין זייער ביטער, וועל איך זאגן מען זאל ברענגען די אלע טרעפ וואס איך בין געגאנגען שבת קודש און נישט געניצט די עליוועיטער, און מען וועט דאס ארויף לייגן אויפן וואגשאל וועט דאס העלפן פאר מיינע זכותים, דער ראש ישיבה האט עס געזאגט מיט א שמייכל אז די קינדער זאלן נישט קרעכצן פון גיין די טרעפ.

מען איז ארויף געגאנגען זיבן שטאק, ביי די זעקסטע שטאק האט דער ראש ישיבה זיך אפגערועט כדי אריין צו גיין אינדערהיים מיט א רואיגע אטעם.

## קאמפלימענטן

דער ראש ישיבה איז אריין אין שטוב מיט א פרייליכע געמוט, און זיך אנגערופן הויך גוט שבת! גוט שבת! דער

ראש ישיבה האט געוויזן פאר יעדעם ווי מען זאל זיצן, און זיך אנגערופן צו זיין ווייב: א שאד ביסט נישט געקומען אין שול זען ווי שיין די קינדער האבן געדאווענט, די קינדער האבן געדאווענט אזוי שיין! דער ראש ישיבה האט זייער אויסגערומט די קינדער, דער ראש ישיבה האט געזינגען אפאר לעבעדיגע ניגונים מיט זיין קליינע זון פאר אפאר מינוט, דערנאך האט דער ראש ישיבה געמאכט קידוש און געגעבן פאר יעדעם פון די קידוש ווייַן.

## אמעריקאנער כיבוד אב ואם

דער ראש ישיבה'ס קליינע זון פון צוויי יאר אלט האט זיך געשפילט מיט א טוי, און עס איז אראפגעפאלן, האט דער ראש ישיבה'ס קליינע זון געזאגט פאר דער ראש ישיבה זאל עס אויפהייבן, האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן: א טאטע בייגט זיך אראפ פאר א קינד?! האט דער זון זיך אנגערופן יא! האט דער ראש ישיבה געזאגט דאס איז ביי די אמעריקאנע, מיר זענען נישט קיין אמעריקאנע שטוב! מיר זענען אידן!

## מצוות מיט א עקסייטמענ"ט

דער ראש ישיבה האט אויסגערופן מיט א פרייליכע טאן: ווער גייט זיך וואשן...! אלע קינדער זענען געלאפן צו די סינק זיך וואשן (דאס האט מיר מורא'דיגע געכאפט, ווי דער ראש ישיבה נעמט א זאך און מאכט עס מיט אזא עקסייטמענ"ט אז אפילו די גאר קליינע קינדער ווילן אויך מיט האלטן די fun, קומען זיי זיך וואשן).

## שניידן חלה

איינע פון די בחורים האבן שוין געוואלט מאכן המוציא אויף די בילקעלעך וואס איז געווען אנגעגרייט פאר אים, האט דער ראש ישיבה אים געוויזן אז שבת דארף מען מאכן א קרייץ אויף די חלה פאר מען מאכט המוציא.

## שייטלעך

מען איז אריין געפארן און א שמועס וועגן שייטלעך-טיכלעך האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער רעדט נישט ברבים פון די טיכלעך, אבער אין שטוב רעדט ער זייער אסאך אז זיינע קינדער סיי די זין און סיי די טעכטער זאלן וויסן וואס איז חשוב, און וואס איז שיין, אויך האט דער ראש ישיבה ארום גערעדט די גרויסקייט פון פרויען וואס שערן זיך די האר נאך די חתונה, אז מען איז זוכה צו ערליכע קינדער, און עס ברענגט אלע גוטע ברכות און השפעות, דער ראש ישיבה האט אויסגעפירט אויב איינער פרעגט וואס איז ענדערש גיין מיט א טיכל מיט די אייגענע האר אדער זיך שערן די האר און גיין מיט א שייטל איז זיכער ענדערש זיך שערן ווי צו גיין מיט א טיכל מיט די אייגענע האר, אייגענע האר ברענגט אלע צרות אלע חרבנות.

## קריגען

צוויי פון דער ראש ישיבה'ס קינדער האבן זיך געקריגט און געשלאגן, האט זיי דער ראש ישיבה געזאגט אז זיי זענען געשטראפט און זיי דארפן ארויס גיין פארטש, זיי זענען ארויס אויפן פארטש און זיך געגאנגען קריגן דארטן, איז דער ראש ישיבה ארויס געגאנגען און זיי געזאגט אז איינער דארף גיין ביי איין ווינקל און איינער ביי די צווייטע ווינקל. אפאר מינוט שפעטער האט דער ראש ישיבה אריינגערופן איינעם אויפאמאל און געפרעגט דו גייסט שוין זיין וואויל?! און דער קינד האט געזאגט יא האט אים דער ראש ישיבה אריין געלאזט און אוועק געזעצט נעבן אים.

## קרית ברסלב מצה בעקעריי

דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן אז מען גייט שוין אנהייבן באקן מצות אין די מצה בעקעריי אין קרית ברסלב, האט דער ראש ישיבה'ס זון וואס לערנט אין די ישיבה אין שטעטל געפרעגט אויב די ישיבה גייט קענען ארויס העלפן אין די מצה בעקעריי?

און דער ראש ישיבה האט מסכים געווען דערצו.

## זמירות און מעשה פון תפילה

דער ראש ישיבה האט מכבד געווען הבחור לוי יצחק הורוויץ נ"י צו זינגען די באבוב'ער שבת היום, מען האט געזינגען זייער שיינע ניגונים, ברוך השם היום יום, ברוך קל אליון, דרור יקרא, יום זה מכובד. דער ראש ישיבה האט געזינגען און געטאנצן מיט די קינדער עס איז געווען זייער לעבעדיג.

סוף פון די סעודה האט דער ראש ישיבה געבעטן יעדער זאל פארציילן א מעשה פון תפילה וואס מען האט אליין געהאט וואס מען האט געבעטן דעם אייבערשטן און דער אייבערשטער האט געהאלפן, אלע האבן פארציילט זייער שיינע מעשיות.

## ריינקייט

נאכן בענטשן האט דער ראש ישיבה געזאגט ווער קען שוין חתונה האבן, לאמיר זען ווער עס רוימט אויף, יעדער האט געהאלפן אויפראמען, ביז 5 מינוט איז די שבת שטוב געווען הערליך ריין.

דערנאך האט זיך דער ראש ישיבה אנגערופן צו זיינע קינדער אביסל אויף א שטרענגע קול מ'דארף שוין גיין שלאפן. דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו איינע פון די בחורים אויב נאך די חתונה גייט ער זיין שטרענג מיט זיינע קינדער? דער ראש ישיבה האט געזאגט דו זאלסט נאר זיין שטרענג פון אינדרויסן, נישט פון אינעווייניג. דערנאך האט דער ראש ישיבה געפרעגט ווען ער גייט חתונה האבן צו ער גייט לייגן שלאפן זיינע קינדער שבת נאכמיטאג, שבת נאכמיטאג דארף מען אראפלייגן די קינדער שלאפן.

דער ראש ישיבה האט געווינטשן א פרייליכע שבת!

# אדער זיך בייגן אדער זיך לייגן

י.מ. שלייף

מיין קאפ שוועבט, מיינע אויגן פארקלעבט.
צו מיר יעצט רעדט, נאר מיין קושן און בעט.

מיין הויז באלאגאן, טוט עדות זיין,
אז מיין בעיבי האט היינט, אסאך געוויינט.

מיט העט פארנומען, נישט געקענט אנקומען.
עס האט אויסגעקלאפט, אויף מיין שטוב ווירטשאפט.

כ'האב אלעס פראבירט, אבער זי האט פארפירט.
געהאלטן געוויגט, ווארעם צוגעדריקט.

איר נאזעלע האט געריגען, און איך האב קיין עצה געפינען.
א וועפערייצער מיט אויל פון מינט, האט נישט בארואיגט מיין קינד.

מיט מיין צדיקת אין די הענט, האב איך נאר מיטוויינען געקענט.
די מאמע שוין ווייט פון קליין, איז פארגאנגען אין א געוויין.

"באשעפער" האב איך די טרערן געווישט, "אז איך וויין שוין יא פון טיפעניש"
טו מיינע טרערן אננעמען, צו היילן מיינע אמת'ע קלעמען.

מיינע דאגות עס צארגן, וואס צענען פון מענטשן פארבארגן,
אבער דו גרויסער גאט דו ביסט, פאר דיר איז אלעס באוויסט.

פון מיינע קינדער נחת האבן, און קיין שווערע פלאגן.
שלום בית אין אונזער שטוב, שפירן מען האט זיך ליב.

מיינע קינדער זאלן לעבן מיט אמונה, רוען זאל דא די שכינה.
פרנסה גרינגערהייט, מיט מצוות אנפילן די צייט.

און אזוי איז מיין טאג אריבער... ביז...
מיין קאפ האט געשוועבט, און מיינע אויגן געקלעבט.
און צו מיר האט גערעדט, נאר מיין קישן און בעט.

דאן האב איך זיך דערמאנט, א ווארט צייער באקאנט,
פון היילינגן צדיק ר' ישעי' קערעסטיר זי"ע
אדער זיך בייגן - אדער זיך לייגן.

אפשר קען איך זאגן בדרך צחות, מיין שטוב נישט יעצט איך מאך עס.
איך לאז עס איבער אזוי, פונקט אויפן האר געגוי.

פאר דיין רצון ד' איך טו זיך בייגן, און א אידישע מאמע גייט זיך אראפלייגן.





# מעשיות פון תפילה

תלמידה ארץ ישראל

יעדע צוויי חדשים בערך קומט אן א לעקטער און וואסער ביל צו באצאלן, פון פאר די ימים טובים איז נישט אנגעקומען קיין ביל, איך האב מיך געוואונדערט פארוואס עס קומט נישט אן, ביז מען האט מיר געזאגט אז מען דריקט די בילס אין דרום ארץ ישראל, און דערפאר דרוקט מען עס יעצט נישט ווייל דארט איז יעצט א מלחמה צייט.

איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז די בילס זאלן שוין אנקומען און איך זאל וויסן וויפיל איך דארף באצאלן און נישט דארפן באצאלן ריבית צוליב וואס מען באצאלט נישט אין צייט. שכח אייבערשטער אז היינט איז אנגעקומען די וואסער ביל, איך האב געזען אז מען האט עס שוין געדארפט באצאלן א וואך צוריק, איך האב געבעטן דעם אייבערשטן אז איך זאל נישט דארפן באצאלן מער געלט וועגן צאלן שפעט. און רוף אריין, מען קען אטאמאטיש באצאלן אויפן טעלעפאן, און איך הער ווי זיי זאגן אז די חוב איז אזוי און אזוי, פונקט די סכום וואס איז געשטאנען אויפן ביל, גארנישט מער, שכח אייבערשטער אז איך האב עס געקענט באצאלן.

תלמידה ארץ ישראל

ערב יום טוב סוכות האב איך געקויפט שבת'דיגע שיך אין ירושלים, ווען איך בין אהיים געקומען מיט די שיך האט מיין מאמע געזאגט אז זי גלייכט עס נישט אזוי, אפשר זאל איך טוישן די שיך.

למעשה האט זיך עס פארשלעפט ביז יעצט, און ווען איך בין געגאנגען עס טוישן פאר א וואך צוריק, האט מען מיר געזאגט אז מען קען עס שוין נישט טוישן, בין איך געגאנגען עס טוישן ביי די סטאר וואס זיי האבן דא אין שטאט בית שמש, און זיי האבן אויך געזאגט אז מען קען עס נישט טוישן ווייל עס איז שוין צו שפעט, האב איך געבעטן דעם אייבערשטן אז די שיך זאל נישט גיין לאיבוד.

נעכטן בין איך אריינגעפארן אין ירושלים, איך האב מורא געהאט צו פרעגן דארט נאכאמאל אויב איך קען צוריקגעבן די שיך, ווייל מן הסתם וועט מען עס נישט אננעמען, עס איז ממש א חוזק, ווייל מען קען עס נאר צוריקגעבן ביז צוויי וואכן, אבער איך האב געבעטן דעם אייבערשטן, און איך האב צוגעזאגט צו מפרסם זיין די מעשה פון תפילה, אויך האב איך געגעבן צדקה פינף שקל.

איך בין צוגעגאנגען און געפרעגט אויב איך קען טוישן די שיך און מען האט מיר גלייך געלאזט טוישן די שיך, נארמאל פרעגט מען שאלות, אבער ברוך השם דא איז אלעס איז געגאנגען גלאט. שכח אייבערשטער.





845-379-1161
136 Huschke Rd Hurleyville NY 12747
Breslevofficeliberty@gmail.com

# קלאסיפייד

ברסלב
שטיצע ברסלב

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*




א שיינע איין רומיגע דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש געגע־נט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.

אויך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש.

רופט לייבי ראטה
347-578-4449

## Catskill Professional

געשמאקע שיינע הערליכע ליכטיגע באקוועמע אפיסעס אוועילעבל.

רופט היינט.
646-938-2503
39oldmonticello@gmail.com




בס"ד

**KB BUSINESS SOLUTIONS**
BOOKKEEPING SERVICES

**QUICKBOOKS & BOOKKEEPING SERVICES**

- ✓ QuickBooks Setup
- ✓ Accounts Receivable
- ✓ Accounts Payable
- ✓ Sales Tax
- ✓ Daily Cash Management
- ✓ Collections
- ✓ AND MORE

KB Business Solutions Inc.
1-845-293-7667
Kbbsbookkeeping@gmail.com
*Ephraim Feldman*

# קלאסיפיידס

ברסלב
שטיצט ברסלב

*Deadline to advertise*
*Sunday 12:00 PM*

## OFFICES ON THE 52

Small offices are now available on route 52/ Twin bridge

Call
**347-932-4432**

## דירות אין שטעטל פאר שבתים

מנחם שטיינבערג 347-461-2244
יואל וועבערמאן - 845-662-8423
יצחק אייזיק ראטה - 347-668-6122
אברהם הערש וועבערמאן 845-492-0566
ראובן בירנבוים 347-549-5625
גרעסעדע דירה - 917-541-1197

## Garden House Suites

5 one bedroom suites available for weekends etc.

Call
**646-565-0966**

ווייסט איר פון א באקאנטן אדער א גוטן פריינד וואס האט א הארץ און א געפיל צו דעם הייליגן פלאץ און וואלט געוואלט געבן שיינע סכומים ארויסצוהעלפן די איינגעשטעלטע פון אונזער מוסד

רופט מרדכי לייב טירנויער - 845-537-7477

## צאלט שכר לימוד אויף א גרינגע וועג

האט איר שווערקייטן צו צאלן שכר לימוד די גאנצע סומע אויף איינמאל?

מיר האבן א וועג פאר אייך, איר קענט ארייגצאלן וועלכע סומע איר ווילט דורך דעם BPAY סיסטעם.

איר דארפט פאר קיינעם נישט איבערגעבן דעם סכום, עס גייט גלייך אריין צו אייער אקאונט.

## אפיסעס צו פארדינגען

**הערליכע שיינע אפיסעס, גרויסע און קליינע, צו פארדינגען אויף מעין סטריט אין ליבערטי.**

**פאראינטערסירטע ביטע רופט אדער טעקסט**

646-462-8189

ברסלב'ס
## חידות

**דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט:**
**ווער ס'וועט קומען צו מיר פאר די זיבן יאר וועט גיין צו די חתונה**

א. נאכן ענדיגן ש"ס
ב. מיט די רעכטע פיס
ג. מיט ווייסע זאקן
ד. מיט א ריינע העמד

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך*

דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט:
**"פון וועם איך נעם געב איך!"**

*געוואונער פון פאריגע וואך*

**עטי בלום תחי' - קרית ברסלב**
שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

# קרית ברסלב בלעטל
# קינדער אפטיילונג
פרשת ויגש

## טרעף די ווערטער

געוואוינט זיך צו פאר איר גייט ארויס פון שטוב צו לייגן די האנט אויף די מזוזה און זאגט די ווערטער: **"הייליגער באשעפער, וואטש מיך, היט מיך פון שלעכטס; העלף מיר איך זאל צוריק אהיים קומען געזונטערהייט", און ווען איר קומט אהיים זאלט איר לייגן די האנט אויף די מזוזה און זאגן: "יישר כח אייבערשטער אז דו האסט מיר אהיים געברענגט געזונטערהייט".**

(עצות אמונה פרשת מקץ תשע"ט)

| | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| מ | י | י | ה | א | ט | מ | ו | ל | א | ז | ר | ד | ז | ט |
| ז | י | ד | נ | ר | ז | כ | י | ז | מ | ז | ו | ז | ה | ש |
| א | ג | ע | ז | ו | נ | ט | ע | ר | ה | י | י | ט | ט | א |
| ל | ק | ת | ז | י | פ | ח | ט | מ | ו | ק | א | ו | ת | ת |
| ט | ג | ה | ג | ס | ד | ס | ב | ז | ה | י | ב | צ | ר | ד |
| נ | ע | מ | ו | ק | י | כ | א | מ | ר | ת | נ | ס | י | ה |
| מ | ב | י | ג | ר | ע | ג | י | ל | י | י | ה | ע | א | צ |
| ס | ר | פ | נ | ע | נ | פ | ל | ע | ה | כ | ש | ס | ו | מ |
| פ | ע | נ | ט | ג | ז | ט | ג | א | ז | א | ט | ק | י | ו |
| ט | נ | א | ה | נ | י | ו | א | ש | ח | ר | י | י | פ | ל |
| א | ג | ס | ט | ק | י | י | נ | ז | א | כ | ה | ז | י | ע |
| ב | ט | ר | י | מ | כ | ו | ל | ט | פ | א | ר | נ | ו | א |
| א | נ | ח | י | ד | ו | י | א | נ | ע | נ | ו | מ | א | ק |
| ש | ר | י | מ | ע | צ | ד | מ | ו | ו | ר | פ | ב | ר | ג |
| ע | ס | ט | ר | א | ו | ל | ת | פ | ו | א | ה | א | ש | ל |
| פ | ר | ט | ה | י | ר | ע | ט | ש | ר | ע | ב | י | י | א |
| ע | ע | י | כ | צ | י | א | ה | י | ט | ה | ג | י | י | ד |
| ר | י | ו | צ | ע | ק | ו | א | נ | י | א | ג | ר | ה | ט |
| מ | ט | י | י | ג | ל | נ | נ | ט | ו | נ | ו | ז | נ | ק |
| ר | י | ח | מ | ד | ג | ש | ט | ח | ח | א | ז | ו | ד | ש |

# טרעף די וועג

טרעף די וועג צו קישן די הייליגע מזוזה!





# א שטיקעלע ספר המדות

## אַהֲבָה

**ג. על יְדֵי אַהֲבַת הַשֵּׁם יִתְבָּרֵךְ נִשְׁמָר הַנֶּפֶשׁ מִכָּל פְּגָעִים רָעִים.**

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ הָאט לִיבּ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט עֶר אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע פַּאסִירוּנְגֶען.

דער רבי האט געזאגט אויפן ספר המדות:
"דער ספר האט מיך געמאכט פאר א איד!"

# שיחות פון רבי'ן פארהער

וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד??



### ענטפער פון פאריגע וואך

דער רבי האט אמאל געזאגט: "קליינע קינדער, המוציא מיט האניג..."

# טרעף
די חילוקים

טרעף 10 חילוקים צווישן די צוויי בילדער





העלף דיין מאמע צאמפאקן די טויס!

ברסלב

# קינדער טאלאנט




חדר היכל הקודש קרית יואל



משפחת מזרחי קרית ברסלב



חיים מענדל רוטמאן נ״י
ירושלים עיה״ק



משפחת יאקאבאוויטש
קרית ברסלב



ללי ברוקמן
בני ברק



בייניש שארף נ״י
קרית ברסלב



משפחת וועבערמאן
קרית ברסלב




# בילדער
## אפטיילונג







מען צינדט די חנוכה לעכט אין ישיבה - ב׳ מקץ תשפ״ד







מען צינדט די חנוכה לעכט אין ביהמ״ד
היכל הקודש ירושלים - חנוכה תשפ״ד




ביים צינדן חנוכה לעכט אין היכל הקודש ירושלים
קרית ברסלב



מען צינדט די חנוכה לעכט אין ביהמ״ד
היכל הקודש ירושלים -מוצאי שבת חנוכה תשפ״ד







**חלוקה פון עסן אין ביהמ"ד היכל הקודש בני ברק - ג' מקץ תשפ"ד**







**נייע קונטרסים אין לשון הקודש אנגעקומען צום 'הפצה ווינקעל' אין ביהמ"ד היכל הקודש בני ברק - ג' מקץ פ"ד**







**ברית לבן מו"ה בנציון יאקאבאוויטש הי"ו אין ישיבה ד' מקץ תשפ"ד**







**סעודת בברית לבן מו"ה בנציון יאקאבאוויטש הי"ו אין ישיבה - ד' מקץ תשפ"ד**




עצתו אמונה פארברענג אין צפת
ה׳ מקץ תשפ״ד




דער ראש ישיבה שליט״א צינדט די חנוכה לעכט
אין ישיבה - ד׳ מקץ תשפ״ד







סעודת הודאה אין היכל הקודש טבריה אויף די זכיה אז
אונז קריגן נישט אויף מוהרא״ש - ד׳ מקץ תשפ״ד




דער ראש ישיבה ביי לעכט צינדן פון זיין טאטן
קארלסבורגער רב שליט״א




קריאת השם לבת מו״ה יואל לעווי הי״ו
אין ישיבה - ה׳ מקץ תשפ״ד








שבת התוועדות מיט די בחורים וואס גייען נאך געלט -
שבת מקץ